STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05432

OYFZATSN UN ESAYEN

Jacob Avigdor

*Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Bertram & Lucille Levin
in memory of
Dr. Bertram Levin*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הרב ד"ר יעקב אביגדור

רב ואבדפה"ק

מעקסיקא והגליל יצ"ו

אויפוואַקס און עסייען

מעקסיקע 1965.

RABI Dr. JACOBO AVIGDOR

RABINO DE LA COMUNIDAD ISRAELITA EN MEXICO

ENSAYOS FILOSOFICOS

●

PHILOSOPHICAL ESSAYS

BY

RABBI DR. J. AVIGDOR

PROGRESO 191 DEP. 101

MEXICO 18, D. F.

IMPRESO EN MEXICO

יידישע פילאָזאָפיע

- 1 -

דער חינוך־דעפּאַרטאַמענט און דער יידיש־העברעאישער סעמינאַר ביי אונזער אשכנזישער קהלה „נדחי־ישראל”, האָבן מיך איינגעלאַדן צו האַלטן אַ סעריע רעפעראַטן אין קולטור־צענטער. זיי האָבן מיר אויך אָנגעגעבן אַ טעמע, אויף וועלכער איך האָב צו רעפערירן. איך האָב ביידע זאַכן גערן אָנגענומען. איך בין צופרידן, וואָס איך האָב אַ געלעגנהייט צו רעדן און אויפצוקלערן ריין גייסטיקע און קולטורעלע ענינים. איך בין אויך צופרידן, וואָס איך וועל רעדן אויף אַ טעמע, וואָס נישט איך האָב זי געוויילט, נאָר זי איז מיר פאָרגעשריבן געוואָרן. די טעמע איז: יידישע פילאָזאָפיע.

איידער איך טרעט צו צום אינהאַלט פון מיינע רעפעראַטן, האַלט איך פאַר מיין חוב אויפמערקזאַם צו מאַכן, אַז קיינער זאָל זיך נישט אָפּנאַרן און דענקען, אַז אין אַ סעריע פון רעפעראַטן קען מען איבערגעבן דעם אינהאַלט פון יידישער פילאָזאָפיע. זאָל מען זיך אויך נישט איינרעדן, אַז אויסהערנדיק אַ סעריע רעפעראַטן וועגן יידישער פילאָזאָפיע, וועט מען שוין וויסן וואָס עס מיינט און אין וואָס עס באַשטייט די יידישע פילאָזאָפיע. איך בין זיך מודה, אַז ווען מען האָט מיר איבערגעגעבן גראָד די טעמע, אויף וועלכע איך דאַרף רעפערירן, האָב איך זיך דערמאָנט אין אַן אַלטבאַקאַנטן אַנעקדאָט, וואָס לויטעט ווי פאָלגט:

איינער פון די אַלטע גריכישע פילאָזאָפן פלעגט לאַנגע צייטן אַריינטראַכטן אין דעם אוניווערס. ער האָט דווקא מיט זיין מוח געוואָלט פאַרשטיין דעם אוניווערס. איינמאָל, זייענדיק פאַרטראַכט אין דעם פּראָבלעם, האָט ער שפּאַצירט ביים ברעג פון דעם ים, און האָט באַמערקט ווי אַ גרופּע קינדער איז שטאַרק באַשעפטיקט אין דעם זאַמד ביים ים. ער האָט זיך דערנענטערט און געזען ווי די קינדער האַלטן שאַרבעלעך אין די הענט און גראָבן אויס אין זאַמד גריבער. ער האָט זיי געפרעגט: וואָס טוט איר דאָ און צו וואָס גראָבט איר אין זאַמד? נאַאיוו

האָבן די קינדער אים געענטפערט: מיר גראָבן מיט אונזערע שאַרבעלעך גריבער. דאַן וועלן מיר מיט די־זעלביקע שאַרבעלעך אויסשעפן דאָס וואַסער פון ים און אַריינגיסן אין די פון אונז אויסגעגראָבענע גריבער. ווי נאַריש האָבן די קינדישע ווערטער געקלונגען אין די אויערן פון יענעם אַלטן פילאָזאָף. אָבער ער האָט זיך באַלד אַ כאַפּ געטאָן, צי איז ער אַליין אויך נישט ענלעך צו די נאַרישע קינדער. אויך ער אַליין וויל אין זיין קליינעם באַשרענקטן מוח, אַריינברענגען דעם גאַנצן אוניווערס, און מיט זיין באַגרעניצטן שכל פאַרשטיין זאַכן, וועלכע זענען העכער פון שכל.

דער משל, איז אַן אייביקער אמת פאַר אַלע די וואָס דענקען, אַז אין אַ ציקל פון לעקציעס, אָדער אַפילו אין אַ פאָר ביכער, קען מען אַריינגעבן גאַנצע אינהאַלטן פון פילאָזאָפיע, פון עטיק, פון מענטש, פון לעבן, פון תורה, פון יידישקייט. פון וועלט און אוניווערס. יעדע פון די אינהאַלטן, איז אַ גאַנצער ים. עס איז פשוט קינדיש נאַאיוו זיך איינצורעדן, אַז אין אַ סעריע פון לעקציעס, קען מען געבן אַן איבערבליק איבער דעם גרויסן טיפן ים פון יידישער פילאָזאָפיע. איך וועל זיך אָנשטרענגען אַרויסצוברענגען, — ווי מעגלעך קלאָר און פאַרשטענדלעך, — געוויסע כאַראַקטערשטריכן פון יידישער פילאָזאָפיע.

אויב מען וויל אויפקלערן קלאָר און דייטלעך טעאָרעטישע פּראָבלעמען, מוז מען זיך קודם כל באַדינען מיט אַן אָרדנונג און מיט אַ מעטאָדע. איך וויל דערפאַר איינטיילן דעם אינהאַלט פון מיינע רעפעראַטן אין אַ סיסטעם אַזעלכן, וועלכער זאָל דערמעגלעכן נאָכצופאָלגן און אויפצופאַסן די אַלע געדאַנקען און שיטות וועלכע איך וועל אַרויסברענגען. קודם וועל איך רעדן וועגן דעם באַגריף: יידישע פילאָזאָפיע. וואָס דער באַגריף מיינט און צי איז בכלל פאַראַן אַזאַ מין זאַך ווי יידישע פילאָזאָפיע. דאַן וועל איך אויפקלערן אין וואָס עס באַשטייט די ספּעציפישקייט פון דער יידישער פילאָזאָפיע; איר אָפּגעזונדערטקייט און אייגנטימלעכקייט. דאַן וועל איך דערקלערן דעם יידיש־פילאָזאָפישן שטאַנדפונקט בנוגע צום מענטש און בנוגע צום לעבן פון מענטש. אַזוי אַרום וועל איך האָבן געגעבן אַ גאַנצע זאַך, איבער וועלכער יעדער וועט קענען זיך שאַפן אַ שטיקל מיינונג און וועט האָבן אַ מעגלעכקייט זיך צו פאַרטראַכטן וועגן דעם ענין.

איך וועל דערפאַר אָנהייבן מיט דעם ערשטן פונקט. איך מיין מיט דער פראַגע, צי עקזיסטירט בכלל אַזאַ מין באַגריף ווי יידישע פילאָזאָפיע. ווער עס באַפאַסט זיך מיט עקזאַקטער פילאָזאָפיע, באַגעגנט זיך מיט מיינונגען פון דענקער, וועלכע לייקענען לגמרי אָפּ דעם באַגריף פון עפּעס אַ מין נאַציאָנאַלע, אָדער פאָלקישע פילאָזאָפיע. זיי האַלטן, אַז בנוגע צו פילאָזאָפיע זענען נישט

פאַראַן קיין נאַציאָנאַלע חילוקים. עס קענען בלויז זיין אונטערשיידן אין די מיינונגען פון יחידים; פון איינצלנע דענקער. אָבער זיי קענען נישט זיין געבונדן מיט פאָלק, נאַציאָן אָדער ראַסע. די באַגריפן פון פאָלק, נאַציאָן און ראַסע, קענען נישט האָבן קיין שום השפעה אויף טעאָריעס וועלכע באַלאַנגען צו פילאָזאָפיע. באַגריפן פון פאָלק, נאַציאָן און ראַסע, זענען קודם כל נישט קיין וועזנטלעכע. זיי זענען בלויז אָנגעאייגנטע, אַנטשטאַנענע און אָנגענומענע. דאָס מיינט: אַ גרופּע מענטשן, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין אַ געוויסער געגנט, האָבן אַליין פון זיך אָנגענומען אַ באַזונדערע שפּראַך און באַזונדערע מנהגים. די אָפּגעזונדערטקייט, איז דערפאַר נישט קיין איינגעבוירענע, נאָר אַ דערוואָרבענע. והא ראיה: יחידים פון אַ באַשטימט פאָלק הויבן זיך אַ סך מאָל אויף העכער פון זייער צוגעהעריקייט צום פאָלק. ביי זיי דערקענט מען מער נישט זייער צוגעהעריקייט צו זייער פאָלק. זיי ווערן וועלט־בירגער: מענטשן וועלכע באַלאַנגען צו דער אַלגעמיינער מענטשהייט און נישט צו אַ באַזונדערער גרופּע. פאָלק, נאַציאָן, אָדער אַפילו ראַסע. וואָס מער אַ יחיד אַנטוויקלט זיך אַלגעמיין מענטשלעך, אַלץ מער פאַרשווינדן ביי אים די באַזונדערע נאַציאָנאַלע סימנים; אַלץ מער גלייכט ער זיך אויס מיט דער אַלגעמיינער מענטשהייט.

די שיטה איז אויך געווען דער הויפּט־יסוד פון די אַסימילאַטאָרישע באַוועגונגען, וועלכע האָבן געהאַלטן אין איין אויפווייזן, אַז מען קען זיך אַסימילירן; מען קען זיך אויסמישן מיט כל הגוים און לעבן ווי מענטשן, אָן דער באַגריף פון פאָלק, נאַציאָן אָדער ראַסע. דערפאַר איז נישט שייך צו באַהויפּטן, אַז אָט דער נישט וועזנטלעכער באַגריף, זאָל האָבן אַ השפעה אויף די פילאָזאָפישע אָדער וויסנשאַפטלעכע שאַפונגען פון יחידים, וואָס באַלאַנגען צו אַ געוויסן קאָלעקטיוו.

בעיקר האַלט די שיטה, אַז אַפילו ווען מען זאָל נישט וועלן צוגעבן, אַז באַגריפן פון פאָלק און נאַציאָן זענען דערוואָרבענע; אַפילו מען זאָל עקשנותדיק באַשטיין דערויף אַז סימנים פון פאָלק און נאַציאָן זענען דווקא יאָ איינגעבוירענע, איז אָבער בנוגע צו וויסנשאַפטלעכע שאַפונגען פון דעם מענטש נישטאָ קיין שום חילוקים צווישן פאָלק, נאַציאָן, אָדער גרופּע. דאָס וויסנשאַפטלעכע שאַפן פון אַ מענטש באַשטייט הויפּטזעכלעך אין זיין שטרעבן צו דערגיין און אַרויסצוברענגען דעם אמת פון די דערשיינונגען. אַן אמת עקזיסטירט בלויז איינער. נישטאָ קיין צוויי־ערליי אמתן. עס איז דערפאַר נישט מעגלעך צו באַהויפּטן, אַז יעדעס פאָלק שאַפט זיך באַזונדער וויסנשאַפט. דאָס וואָלט געמיינט, אַז יעדעס פאָלק שאַפט זיך זיין אייגענעם באַזונדערן אמת. אַזאַ באַהויפּטונג איז אַן אַבסורד. לכן, האַלט

די שיטה, אַז פעלקער קענען זיין אָפּגעזונדערט צווישן זיך בנוגע צו אויפפיר, צו שפּראַך, צו זיטן און מנהגים. אָבער נישט אין וויכנ־שאַפטלעכן שאַפן.

די שיטה, האָט דערפאַר געהאַלטן, אַז וואָס מער מענטשן וועלן זיך באַפאַסן מיט וויסנשאַפטלעכע פּראָב־לעמען; וואָס מער זיי וועלן שטרעבן צו דערגיין די אמתן פון אַלע דער־שיינונגען; אַלץ מער וועלן זיי אויפ־געבן זייערע ספּעציעלע חילוקים; אַלץ מער וועלן זיי זיך אויסגלייכן אין איין אַלגעמיינער מענטשהייט. דאָס זענען געווען די טעאָריעס פון אַלע רעוואָלוציאָנערע קעמפער, אָנ־הויבנדיק פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע מיט די קאָסמאָפּאָליטן, ביז צום אָנהויב פון דעם 20־טן יאָרהונדערט.

היינטיקע מאָדערנע מענטשהייט האַלט זייער ווייניק פון דער שיטה. אין אונזערע צייטן האָט די טעאָריע פאַרלוירן דעם באָדן אויף וועלכן זי האָט זיך באַזירט. דאָס אינטערע־סאַנטע איז, אַז דער באַנקראָט פון דער טעאָריע איז געקומען נישט פון עפּעס אַ רעאַקציאָנערע שאָווי־ניסטישע באַוועגונג, וואָס הערשט היינט ליידער אַזוי שטאַרק אין דער מענטשהייט. דער באַנקראָט פון דער־דערמאָנטער טעאָריע איז געקומען פון אַ גאַר אַנדערע זייט, מיט וועל־כער מען האָט זיך אַמווייניקסטן געקענט רעכענען. דער באַנקראָט איז געקומען דווקא פון דער וויסנ־שאַפטלעכער זייט. דווקא די וויסנ־שאַפט וואָס איז אַלגעמיין מענטש־לעך; דווקא זי לייקנט אָפּ די וויסנ־שאַפטלעכע אַלגעמיינהייט אין דער מענטשהייט; דווקא זי באַשטעטיקט, אַז וויסנשאַפט אַליין איז אויך אָפּ־הענגיק פון פאָלק, נאַציאָן אָדער ראַסע. אין אַנדערע ווערטער: יעדעם פאָלק, יעדער נאַציאָן, האָט זיך זיין באַזונדערן צוגאַנג און באַזונדערע איינגנשאַפט בנוגע צו די וויסנ־שאַפטלעכע אמתן. יעדעם פאָלק, יעדע נאַציאָן און יעדער ראַסע, ברענגט זיך ארויס באַזונדערע אמתן. אַלע וויסנשאַפטלעכע שאַ־פונגען טראָגן דערפאַר אויף זיך דעם חותם פון דעם פאָלק וועמענס יחידים האָבן זיי אַרויסגעבראַכט.

עס מעג קלינגען ווי אַבסורדאַל, אָבער מיר לעבן היינט אין צייטן, אין וועלכע וויסנשאַפט האָט גע־מאַכט גאַר גרויסע שריט. זי האָט דערגרייכט ביז אַזעלכע פּונקטן, ביי וועלכע זי מוז מודה זיין אַז זי האָט דאָרט קיין שום שליטה נישט. וויסנשאַפט האָט היינט דערגרייכט יסודות אַזעלכע, אין וועלכע זי דער־זעט זיך פּשוט אַלס נישט עקזיס־טירנדיק. דאָס מיינט, אַז דאָרט איז זי נישט בכח צו אָפּערירן און האָט דאָרט נישט קיין שום מעגלעכקייט צו דערגרונטעווען דעם אמת פון די דערשיינונגען. במילא איז זי אינ־גאַנצן נישט מער אמת. זי אָפּערירט מיט רעלאַטיווע באַגריפן. אָבער ניט מיט קיין אַבסאָלוטן אמת. אויב וויסנשאַפט אַליין איז מער נישט

קיין אמת, קען במילא זיין א סך פאַרשידענע מיני וויסנשאַפטן און עס קען שוין איצט געמאָלט זיין, אַז יעדעס פאָלק זאָל זיך שאַפן זיינע אייגענע וויסנשאַפטן באַזונדער.

בנוגע צו דעם ענין איז דער היינטיקער געדאַנקן־גאַנג אינגאַנצן א פאַרקערטער פון דעם וואָס האָט אַמאָל געהערשט אין דער מענטשהייט. אַמאָל האָט מען געהאַלטן פאַר זיכער, אַז די אונטערשיידן און חילוקים צווישן פעלקער און נאַציאָנען, זענען בעיקר די אויסנווייניקסטע; די דרויסנדיקע, ווי למשל: פאַרב פון דער הויט, אויגן, ליפּן, האָר און געשטאַלט פון געזיכט. בלויז אין דעם זענען פעלקער פאַרשידן. אָבער נישט אין זייער לאָגישן דענקען; נישט אין אָנערקענען פון אמתן וואָס שטאַמען פון שכל און פאַרשטאַנד. היינט ווערט באַהויפּטעט פונקט פאַרקערט: דרויסנדיקע אונטערשיידן; פיזישע, קערפּערלעכע סימנים זענען נישט קיין דויערהאַפטיקע חילוקים צווישן פעלקער. זיי קענען זייער גיך פאַרשווינדן דורך אַקלימאַטיזירן זיך און דורך דורותדיקע עוואָלוציע. אָבער גייסטיקע אייגנטימלעכקייטן פון א פאָלק; זיי פאַרשווינדן נישט. זיי בלייבן אַפילו נאָך א סך דורות, און אַפילו אויף פאַרשידענע אַנדערע איבערזידלונגען.

גענוי אויפצוקלערן די טעאָריע וואָלט באַדאַרפט פאַרנעמען זייער א סך צייט. איך וויל בלויז אַרויסברענגען צוויי־דריי משלים וועגן דער דאָזיקער היינטיקער שיטה. איך באַמערק, אַז די באַגרינדונג פאַר אָט דער דאָזיקער שיטה איז נישט בלויז קיין טעאָרעטישע, נאָר פיל מער א פאַקטישע. דאָס מיינט, אַז פאַקטן פון לעבן ביי פאַרשידענע פעלקער; זייערע אַרגומענטן און באַזונדערע לאָגישע טענות, וואָס זענען זיך סותר איינע די צווייטע, באַווייזן בולט, אַז פעלקער אונטערשיידן זיך אויך בנוגע צו באַגריפן פון אמת און בנוגע ריין, לאָגיש וויסנשאַפטלעכע ענינים.

- 2 -

דער גרויסער קאָנקורענץ־קאַמף, וואָס גייט היינט אָן צווישן רוסלאַנד און אַמעריקע; די גרויסע אָנשטרענגונגען וואָס ביידע מאַכן בנוגע צום באַהערשן דעם אַזוי־גערופענעם ספּעיס (דעם רוים, די סטראַטאָספערע), האָט אויסער דער פּראַקטישער באַדייטונג, אויך א באַזע אין דער אינדיווידועלער פאָלקספּסיכיק. רוסלאַנד וויל באַווייזן, אַז דאָס רוסישע פאָלק איז מער פעאיט צו דערגרונטעווען וויסנשאַפטלעכע אמתן. אַמעריקע דאַקעגן, וויל מיט אַלע כוחות באַווייזן, אַז דער אַמעריקאַנער געניוס איז וויסנשאַפטלעך שטאַרקער פון דעם רוסישן. ווער פון די צוויי, — הייסט עס, — עס וועט פריער אַרויפקומען צו דער לבנה, וועט ער מיט דעם באַווייזן זיין באַזונדערע פסיכישע פאָלקס־אייגנשאַפט פון דערגרייכן וויסנ־

שאַפּטלעכע אמתן. דאַכט זיך, אַז דאָס אַרויפקומען אויף דער לבֿנה, איז אַ ריין שכלדיקער, לאָגיש־מאַטעמאַטיש, אויסגערעכנטער כוקסעם און עס האָט גאָרנישט צו טאָן מיט די באַגריפן פון פאָלק, נאַציע, אָדער ראַסע. אָבער היינט האַלט מען, אַז אַפילו אַזעלכע ריין לאָגיש־שכלדיקע דערפינדונגען, טראָגן אויף זיך דעם חותם פון פאָלק, נאַציע, אָדער ראַסע.

איך וויל דאָ ציטירן אויך די טעאָרעטישע באַגרינדונג פון אַט דער שיטה.

יעדער פון אונז ווייסט, אַז מאַטעמאַטיק איז אַן אַלגעמיין מענטשלעכע וויסנשאַפט. פאַקטיש, די אַלגעמיין מענטשלעכסטע פון אַלע וויסנשאַפטן. וואָס פאַר אַ ראָלע קען ביי מאַטעמאַטיק האָבן דער באַגריף פון פאָלק אָדער נאַציע? וואָס פאַר אַ ראָלע קען דער באַגריף פון פאָלק אָדער נאַציע שפּילן, ביים באַשאַפן פון אַזעלכע אמתן, ווי למשל, אַז צוויי און צוויי איז פיר? אָבער מאָדערנע פּסיכאָלאָגיע שטעלט פעסט, אַז נאַציאָנאַלער, פאָלקישער גייסט, האָט אַ גאַר גרויסן חלק אין דעם אַרויסברענגען פון מאַטעמאַטישע אמתן.

פאַראַן מענטשן וואָס האָבן אַן אייגנשאַפט צו זען און צו איבערלעבן די שייכותן און די פאַרהעלטנישן פון די סכום'ן און צאָלן, מיט וועלכע זיי אָפּערירן. נעמען מיר למשל, צוויי באַקאַנטע אינטערנאַציאָנאַלע געזעצן, וואָס יעדער מענטש, אין דער גאַנצער וועלט, מוז אין זיי מודה זיין. דאָס זענען: 1) צוויי און צוויי, מוז זיין פיר. 2) יעדער טייל פון אַ גאַנצער זאַך, מוז זיין קלענער פון דער גאַנצער זאַך. אויך פאַרקערט. יעדע גאַנצע זאַך מוז זיין גרעסער פון אירע איינצלנע טיילן. דאָס זענען צוויי געזעצן וואָס יעדער דענקענדיקער מענטש מוז אין זיי מודה זיין. אָבער דאָס מודה זיין אין דעם אמת פון די צוויי געזעצן קומט ביי מענטשן נישט פאָר אויף איין און דעמזעלבן אופן.

פאַראַן מענטשן, וואָס זייער צוגאַנג צו מאַטעמאַטישע אמתן איז נישט קיין ריין פאָרמעלער, נאָר איז געבונדן מיט סענסועלע איבערצייגונגען. אַזעלכע מענטשן, ווען זיי באַשטעטיקן אַז צוויי און צוויי איז פיר, קומט זייער החלטה אויך פון דעם, וואָס בשעת מעשה זעען זיי ממש די צוויי צווייער פאַר זיך און זעען אויך ווי די צוויי צווייער פאָרן זיך צונויף אין פיר. דאָס זעלבע ביים געזעץ פון דעם גאַנצן און די טיילן פון אַ גאַנצן. זיי באַשליסן, אַז אַ טייל פון אַ גאַנצן איז קלענער פון דעם גאַנצן נישט דערפאַר ווייל דער פאָרמעלער שכל דיקטירט אַזוי, נאָר דערפאַר וואָס פאַר זייערע אויגן זעען זיי ממש דאָס בילד פון אַ טייל און דאָס בילד פון אַ גאַנצעם, און זיי זעען אַז דאָס גאַנצע איז גרעסער פון דעם טייל. אַט דער פּראָצעס פון זעען פאַר זיך די מאַ־

טעמאַטישע פּאַרהעלטעענישן, גיט זייער שנעל, אַזוי אַז דער מענטש אַליין גיט זיך נישט אָפּ קיין שום חשבון פון דעם וואָס עס קומט ביי אים פאָר. אין אַ הרף עין זעט אַזאַ מענטש פאַר זיך אַ גאַנצע ליניע און אַ טייל פון אַ ליניע, און איבערציַיגט זיך, אַז דער טייל איז קלענער פון דעם גאַנצן. נאָר אויפן גרונט פון דער איבערציַיגונג באַשליסט ער אַז אַזוי איז עס.

פאַראַן אָבער אַן אַנדערער טיפּ מאַטעמאַטיקער. ער באַדינט זיך גאָרנישט מיט זיינע חושים, מיט זיינע איבערלעבונגען אָדער איבערציַיגונגען. ער אָפּערירט בלויז מיט זיין פאָרמעלן שכל, מיט טרוקענע ציפערן און מיט די פאָרמעלע מאַטעמאַטישע געזעצן. ווען ער באַשליסט אַז אַ טייל איז קלענער פון דעם גאַנצן; נישט ער טראַכט אַריין אין דעם; נישט ער זעט פאַר זיך בילדער פון טיילן און פון גאַנצע; נאָר ער ווייסט פון אַ געזעץ, אַז אַ טייל מוז זיין קלענער פון דער גאַנצער זאַך.

כדי צו פאַרשטיין דעם טיפּ מאַטעמאַטיקער, דאַרף מען זיך פאָרשטעלן אַמאָליקע ציַיטן, וואָס מיר געדענקען זיי נאָך גאַנץ גוט. אין אַמאָליקע ציַיטן האָט מען באַין אופן נישט געקענט זיך פאָרשטעלן, אַז עס איז מעגלעך אויסצורעכענען פאַרוויקלטע חשבונות מיט אַ מאַשין. וואָס הייסט דאָס, אַ מאַשין זאָל רעכענען? וויאַזוי קען אַ מאַשין רעכענען? צום רעכענען דאַרף מען אַ מוח, וואָס דענקט, וואָס רעכנט, אָבער אַ מאַשין האָט קיין מוח נישט; וויאַזוי קען זי רעכענען? רעכענען קען בלויז אַ מענטש וואָס ווייסט מיט זיין שכל, אַז אויב מען לייגט צו צוויי צו נאָך צוויי, ווערט פיר. אָבער אַ מאַשין; פון וואַנען ווייסט זי אַז צוויי און צוויי איז פיר? היינט אָבער ווייסט שוין יעדער, אַז צום רעכענען דאַרף מען נישט קיין מוח און נישט קיין שכל. די מאַשין האָט נישט, נישט קיין מוח און נישט קיין שכל, און זי רעכנט אויס בעסער פון דעם מענטש. (פון דעם דרינגען היינטיקע וויסנשאַפטלעכע לציים, אַז מען קען היינט אפילו זיין אַ מיניסטער, נישט האָבנדיק נישט קיין שכל און נישט קיין מוח...).

אַ פּשוטער מענטש, וועלכער איז נישט קיין פאַכמאַן אין מאַטעמאַטיק, וועט זיכערלעך האַלטן, אַז דער ערשטער טיפּ מאַטעמאַטיקער שטייט העכער פון דעם צווייטן. דער ערשטער לעבט דאָך אַדורך זיינע באַשלוסן, און דער צווייטער איז בלויז ווי אַ מאַשין. וויסנשאַפט אָבער האַלט פונקט פאַרקערט. דער ערשטער טיפּ, דער וואָס לעבט איבער די מאַטעמאַטישע החלטות, ער מאַכט טעותים. דאָס גאַנצע לעבן אַליין איז אויך איין גרויסער טעות. נישט יעדער איז פעאיק זיך צו שאַפן אַן אמתדיקן לעבן. אויב אַ מענטש קומט צו מאַטעמאַטישע

מסקנות דורך דעם וואס ער לעבט אליין איבער זיינע חשבונות, קען ער זיך איבערפירן ביז גאר. פונקט ווי מען איבערפירט זיך בכלל אין דעם לעבן. (דאס איז א באזונדער קאפיטל פאר זיך...). אנדערש אבער איז דער טיפ וואס גיט פון זיך גארנישט. ער אפערירט מיט פארמעלע טויטע געזעצן. עס גייט אים נישט אן צי פיר איז קלענער פון אכט; אדער אכט איז קלענער פון פ"ר. ער באשליסט, אז צוויי מאל פיר איז אכט דערפאר, ווייל אזוי לויטעט דאס פארמעלע געזעץ פון חשבון. ער אפערירט, ביים רעכענען, פונקט ווי די מאשין, אן יעדן שכל און אן יעדער לאגיק. אט דער טיפ וועט קיינמאל קיין טעותים נישט מאכן. א מאשין מאכט קיין טעותים נישט, אויסער ווען זי ווערט פארדארבן.

דער אונטערשייד צווישן די צוויי טיפן מאטעמאטיקער קומט נאך מער בולט ארויס אויף אן אנדער פעלד. דער ערשטער טיפ מאטעמאטיקער איז א געאמעטרישער, און דער צווייטער טיפ איז אן אלגעבראאישער. דער ערשטער טיפ איז דער, וועלכער לעבט אדורך זיינע חשבונות. ער מוז פאר זיך זען די צאלן און די פארהעלטענישן פון די מאטעמאטישע אפעראציעס. ער איז דערפאר געאייגנט אין געאמעטריע, אין אויסמעסטונגען פון רוים און פון פיגורן. דארט קען ער אין זיין פאנטאזיע האבן די בילדער פון די ליניעס און פון די פיגורן, און צוזאמען מיט זיין שכל באשליסן זיינע באשלוסן. אבער אין אריטמעטיק, אין אלגעברא, אפערירט מען אפילו נישט מיט קיין צאלן. דארט אפערירט מען מיט בוכשטאבן. מען רעכנט נישט קיין צוויי מאל צוויי, נאר א., מאל ב., איקס, מאל זעט, וכדומה. נישטא וואס זיך פארצושטעלן און נישטא וואס צו איבערלעבן. מען אפערירט מיט אומבאקאנטע פארהעלטנישן און מען ברענגט ארויס טויטע פארמולעס, וואס דער שכל פארשטייט זיי גארנישט. אבער מען איז איבערצייגט אין זייערע אמתן ווייל אזוי דיקטירט דאס געזעץ פון מאטעמאטיק.

מען וואלט געקענט מיינען, אז די חילוקים זענען בלויז יחידישע, דאס הייסט, אז עס זענען פאראן בלויז יחידים וועלכע געהערן צום ערשטן טיפ, און אנדערע יחידים וואס באלאנגען צום צווייטן טיפ. שטעלט זיך אבער ארויס, אז ניין. דאס זענען נאציאנאלע, פאלקישע אייגנשאפטן. עס זענען פאראן פעלקער גאנצע, וועלכע גייען צו צו מאטעמאטישע החלטות אויף א גאר אנדערן אופן, און אנדערע פעלקער, וועלכע גייען צו צו מאטעמאטישע החלטות אויף א גאר אנדערן אופן. פון דעם קומט די וויסנשאפטלעכע החלטה, אז פעלקער שאפן זייערע וויסנשאפטלעכע אמתן אויף פארשידענע אופנים. דאס מיינט, אז אפילו גאנץ אינטערנאציאנאלע, ריין שכלדיקע פראבלעמען, ווערן

אַרויסגעבראַכט פון פעלקער אויף גאָר באַזונדערע מעטאָדן. אויב אַזוי, קענען דאַן אַפילו די רעזולטאַטן אויך זיין גאָר אַנדערע, לויט די צוגאַנגען פון די וואָס באַאַרבעטן די פּראָבלעמען. פון דעם קומט אַ ווייטערע החלטה, אַז וויסנשאַפטלעכע באַשטימונגען טראָגן אויף זיך דעם חותם פון דעם פאָלק וואָס האָט די באַשטימונגען געשאַפן.

אין קורצן לויטעט די טעאָריע, אַז גאַנצע פעלקער זענען פּונקט ווי איינצלנע מענטשן. ביי יחידים קענען מיר נישט אָפּלייקענען דעם פאַקט, אַז יעדער גייט צו צו פּראָבלעמען מיט זיין אייגענעם אייגנאַרטיקן צוגאַנג. איר קענט זען יחידים וועלכע וועלן פאַרטיידיקן אַ געדאַנק, וואָס פאַר אונז קומט ער אויס גאָר קאַפּויערדיק, אָבער ביי אים איז דאָס דער גאַנצער אמת. אַזוי איז אויך ביי גאַנצע פעלקער. יעדעס פאָלק האָט זיך זיין באַזונדערן צוגאַנג, אַפילו צו ריין וויסנשאַפטלעכע ענינים.

איך באַטראַכט עס פאַר מיין חוב צו באַמערקן, אַז די טעאָריע האָט גאָרנישט צו טאָן מיט קיין ראַסן־טעאָריע. עס האַנדלט זיך נישט וועגן דעם אַז איין פאָלק שטייט העכער פון דעם צווייטן; אָדער איז באַרעכטיקט צו זיין אַ מושל איבער אַ צווייטן. עס האַנדלט זיך בלויז אין אַ ריין וויסנשאַפטלעך שטודיום וואָס רופט זיך: פעלקער־פּסיכאָלאָגיע. אַ פאַקט איז, אַז גאַנצע פעלקער צייכענען זיך אויס מיט באַזונדערע אייגנשאַפטן. איך וויל בלויז דערמאָנען צוויי פעלקער, פון דער אַלטער היסטאָריע, וועלכע לעבן ביידע נישט מער. מיר קענען דערפאַר ביי זיי אָוועקקוקן פון יעדן באַגריף פון ראַסן־טעאָריע. און דאָך וועלן מיר מוזן צוגעבן, אַז זיי זענען געווען גאַנץ אַנדערש איינער פון דעם צווייטן.

אין דעם אַלטערטום האָבן געלעבט צוויי פעלקער, וואָס האָבן געשפּילט די גרעסטע ראָלן אין דער היסטאָריע פון דער מענטשהייט. דאָס זענען געווען, גריכנלאַנד און רוים. עס איז גאָר קיין שום ספק נישט, אַז די צוויי פעלקער זענען געווען גאָר פאַרשידן אין זייערע פאָלקס־אייגנטימלעכקייטן, אָדער אין זייער פאָלקס־פּסיכיק. זיי האָבן ביידע אָפּגעדרוקט זייער פאָלקס־חותם אויף דעם גאַנג פון געשיכטע במשך פון אַ סך דורות. אָבער יעדער איינציקער פון זיי האָט דאָס געטאָן אויף אַ גאָר אַנדערן אופן. אין דער קולטור־געשיכטע איז ביז היינט נאָך נישט פעסטגעשטעלט ווער פון די צוויי האָט געהאַט אַ גרעסערן איינפלוס אויף דער מענטשהייט. איך וויל זיך וועגן דעם דאָ נישט אַרויסזאָגן. אָבער אַ פאַקט איז אַז יעדער פון די צוויי האָט אַנדערש זיך אָפּגעשטעמפּלט אין דעם לויף פון די שפּעטערע דורות. רוים האָט באַזיגט די וועלט און האָט באַלעבאַטעוועט. גריכנלאַנד האָט, אַפילו ווען זי איז געווען אַ גרויסער מושל,

נישט רעגירט און נישט באַלעבאַ־
טעוועט, נאָר באאיינפלוסט מיט איר
דענקענדיקן, פּאַטעטישן און עסטעט־
טישן גייסט. דאָס זענען פאַקטן וואָס
האָבן גאָרנישט צו טאָן מיט ראַסן־
טעאָריעס, נאָר מיט פעלקער־פּסיכאָ־
לאָגיע.

— 3 —

איך האָב פריער דערמאָנט, אַז
דרויסנדיקע אָפּגעזונדערטע סימנים
צווישן פעלקער זענען נישט קיין
דויערהאַפטיקע. זיי קענען לייכט
פאַרשווינדן דורך אַקלימאַטיזירן זיך
און דורך דורותדיקע עוואָלוציע.
דאַקעגן, זענען די ספּעציפישע, גייס־
טיקע אונטערשיידן צווישן פעלקער,
מער דויערהאַפט און בלייבן אפילו
נאָך א סך דורות און אפילו אויף
פאַרשידענע איבערזידלונגען.

איך וועגן דעם ענין זענען פאַ־
ראַן פאַרשידענע מיינונגען. פאַראַן
דענקער וואָס האַלטן, אַז פּסיכישע
אייגנשאַפטן און כאַראַקטער, זענען
אויך אָפּהענגיק בלויז פון לאַנד,
פון קלימאַט און פון נאַטור. ביים
ענדערן פון לאַנד, פון קלימאַט און
פון נאַטור, ענדערט זיך אויך דער
פּסיכישער כאַראַקטער פון יעדן קאָ־
לעקטיוו. אַקעגן אַט דער שיטה,
שטייט דאָס יידישע פאָלק, ווי א
לעבעדיקער באַווייז, אַז דאָס איז
פאַלש. דאָ קום איך אייגנטלעך צו
דער טעמע פון מיינע רעפעראַטן.
נישטאָ אויף דער גאַנצער וועלט
נאָך אַ פאָלק וואָס זאָל זיין אַזוי צו־
זיים און אַזוי צעשפּרייט אויף אַלע
שבעה ימים, ווי מיר יידן. נישטאָ
נאָך אַ פאָלק אויף דער גאַנצער
וועלט וואָס זאָל האָבן געלעבט אין
אַזוי פיל פאַרשידענע מדינות, און
זאָל האָבן גערעדט אויף אַזויפיל
לשונות ווי יידן; נישטאָ נאָך א
פאָלק אויף דער גאַנצער וועלט וואָס
זאָל האָבן געשאַפן אַזויפיל וויסנ־
שאַפט ווי יידן. יידן האָבן וויסנ־
שאַפטלעך געשאַפן: אין גריכנלאַנד,
אין רוים, אין אַראַבישע לענדער,
אין פראַנקרייך, אין דייטשלאַנד,
צווישן סלאַווישע פעלקער און אין
די פאַרוואָרפנסטע ווינקלען פון דער
גאַנצער וועלט. צום סוף, קענען
היינט געוויסע גרויסע דענקער אויפ־
ווייזן, אַז נישט קוקנדיק אויף דעם
מהלך פון ווייטקייט בנוגע צו לאַנד;
נישט קוקנדיק אויף דער לאַנגער
פיל־טויזנט יעריקער אַלטקייט פון
יידישער שאַפונג, און נישט קוקנ־
דיק אויף דער פאַרשידנקייט און
פאַרמעדקייט פון די שפּראַכן, אין
וועלכע יידן האָבן אַלץ געשאַפן, גע־
פינט מען, כמעט אין אַלע גייסטיקע
קולטור־שאַפונגען פון יידן, א גע־
מיינזאַמען כאַראַקטער שטריך און
אַן אייגנהייטלעכן גרונט־פּרינציפּ.

גרויסע דענקער באַהויפּטן, אַז
ווען מען זאָל נעמען למשל א
רבי עקיבא, וועלכער האָט געלעבט
מיט קרוב צוויי טויזנט יאָר צוריק
אין קליין אַזיען. דאַן אַ רב, וועל־
כער האָט געלעבט 300 יאָר שפּע־
טער אין סיריען. דאַן א רבינו שרי־
רא גאון, א רבינו סעדיה גאון און
אַן אבן גבירול. דאַן א רבי יהודה

הלוי מיט אַ רמב"ם, וועלכע האָבן געלעבט שפּעטער אין שפּאַניע. דאַן אַ רמ"א מיט אַ בעל שם, וועלכע האָבן געלעבט אין פּוילן, און אַזוי ווייטער, וואָלט מען, נישט קוקנדיק אויף ווייטקייט פון שטח אָדער אָפּגעטיילטקייט פון היסטאָרישער צייט, תמיד געקענט געפינען אַ פונדאַמענטאַלן אייגנהייטלעכן כאַראַקטערשטריך; אַ מין יסודותדיקן געמיינזאַמען גערוּנק, וועלכער פאַרבינדט זיי אַלעמען אין איין טיפּ; דאָס איז דער ריין יידישער דענקער־טיפּ.

אינטערעסאַנט איז, אַז מיט דעם פּראָבלעם באַפאַסן זיך היינט די גוייאישע דענקער מער פון די יידישע. אַפילו די נישט אַנטיסעמיטישע גויאישע דענקער באַהויפּטן היינט, אַז יידישע שאַפונגען מיינט נישט בלויז דאָס וואָס זיי זענען געשאַפן פון מענטשן וועלכע שטאַמען פון יידישן פאָלק. עס מיינט פילמער, אַז די שאַפונגען אַליין טראָגן אויף זיך דעם חותם פון יידישער דענקונגס־אַרט. זיי אַליין, די שאַפונגען, פאַרמאָגן אין זיך יידישע אייגנטימלעכקייט.

קיינמאָל איז דווקא אָט דאָס פּראָבלעם נישט געווען אַזוי אַקטועל ווי אין אונזערע היינטיקע צייטן. קיינמאָל איז די גאַנצע מענטשהייט נישט געווען אַזוי געטיילט אין פונקט צוויי העלפטן, ווי אין אונזער צייט. די היינטיקע וועלט איז צעבראָכן אין צוויי טיילן. איין טייל איז דער מזרח, און דער צווייטער טייל איז דער מערב. אין איין טייל איז קאָמוניזם; אין דעם צווייטן איז קאַפּיטאַליזם. אין דעם קאָמוניסטישן טייל איז דער מאַרקסיזם דער וואָרטזאָגער; אין דעם קאַפּיטאַליסטישן טייל האָט דאָס קריסטנטום אַ גרויס וואָרט. צי מען וויל יאָ צי מען וויל נישט; עס קען דאָ גאָרנישט העלפן. מען מוז מודה זיין אַז ביידע, דאָס מיינט מאַרקס און יעזוס קריסטוס, זענען געווען יידן. מערקווירדיק איז, אַז ביידע פּערזענלעכקייטן זענען אַוועק פון יידן און געוואָלט נאָר מתקן זיין די גאַנצע וועלט. מערקווירדיק איז אויך דער פאַקט, וואָס אונטער דער פאָן פון קריסטנטום האָט מען געברענט און געבראָטן יידן קרוב צו צוויי טויזנט יאָר; אונטער דער פאָן פון קאָמוניזם, הויבט זיך איצט אָן אַן עפּאָכע פון רודפן און פּלאָגן יידן אָן אַ פאַרוואָס.

איז דאָס אַלץ בלויז צופאַל? נאָר נאַאיווע, נישט דענקנדיקע מענטשן, קענען אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט און אַ זאָג טאָן: הבל הבלים; גאָרנישט מיט גאָרנישט. אָבער דער טיפערער דענקער מוז זיך וועגן די דערשיינונגען אָפּשטעלן. ער מוז אַריינטראַכטן אין דעם וואָס די ביידע פּערזענלעכקייטן, וואָס באַהערשן היינט די גאַנצע וועלט, זענען געקומען דווקא פון יידן. דאַן, פאַרוואָס האָבן דווקא יידן, וועלכע האָבן דער מענטשהייט געגעבן די צוויי פּערזענלעכקייטן, אַממערסטן פון זיי ביידע געליטן און ליידן נאָך היינט פון זיי? דאָ איז נישט דער פּלאַץ דעם ענין צו באַטראַכטן. איין זאַך

אבער זאָל באַמערקט ווערן: די גאַנ־צע מענטשהייט האָט פון יידן אי־דעאיש אַ סך גענומען. דאַקעגן האָבן יידן, אויסער אַ סך צרות און לײדן, פון דער מענטשהייט גאָר ווייניק גענומען.

יידן און די מענטשהייט! איינער פון די היינטיקע דענקער באַהויפּ־טעט, אַז די טרייב־פעדער פון קול־טורעלער שאַפונג אין דער גאַנצער מענטשהייט, טיילט זיך אין צוויי טיילן: אין אידעע און אין קראַפט. אידעע, באַאיינפלוסט; קראַפט, פאַר־ווירקלעכט. קראַפט צילט צו פאַר־ווירקלעכונג; אידעע שטרעבט צו באַאיינפלוסן. כדי קראַפט זאָל אויס־פירן אַ פאַרווירקלעכונג, מוז קודם די אידעע באַאיינפלוסן. אויב אי־דעע האָט נישט קיין איינפלוס, קען קראַפט גאָרנישט פאַרווירקלעכן. עס מוזן זיין ביידע כוחות; אידעע און קראַפט מוזן האָבן איינפלוס און פאַרווירקלעכונג. געניאַלע מענטשן שאַפן אידעען. די אידעען באַאיינ־פלוסן די סביבה, וואָס ווענדעט אָן קראַפט כדי די אידעע צו פאַר־ווירקלעכן. אזוי גייט דער גאַנצער פראָצעס פון קולטור.

יידן האָבן אפשר זיך ווייניקער אויסגעצייכנט אין דעם פעלד פון קראַפט און פאַרווירקלעכונג. זיי האָ־בען קיינמאָל קיין גרויסע קראַפט נישט געהאַט. אָבער בנוגע צו אי־דעע און איינפלוס, האָבן יידן אַ גאָר גרויס חלק אין דער גאַנצער אַקטיוויטעט פון קולטורעלער טעטי־קייט אין דער מענטשהייט.

נישט קיין איינפאַך, צופעליקער עפּיזאָד איז דאָס וואָס דער ערשטער גרויספאָר פון דעם ייד אויף דער וועלטס אַרענע איז געווען: די פּראָ־קלאַמירונג פון דעם מאָנאָטעאיזם. נישט בלויז בנוגע צום גלויבן האָבן יידן פון דער ערשטער מינוט אָן פּאַרטיידיקט דעם באַגריף פון אחדות, נאָר בכלל בנוגע צום גאַנצן דענ־קונגס־אַפּאַראַט, האָבן יידן תמיד געזוכט בלויז איינקייט, האַרמאָניע און גאַנצקייט. יידישע דענקער נעמען אַ וועלכן עס איז געוויסן וויכ־שאַפטלעכן פּרינציפּ און באַטראַכטן אים מיט דעם ספּעציפיש יידישן בליק. דאָס יידישע אויג פאַרמאָגט אין זיך אַ באַזונדערע אייגנשאַפט פון פאַרגרעסערן יעדע זאַך אויף וואָס זי קוקט. ווען מען זעט אַ זאַך פאַרגרעסערט, דערבליקט מען בע־סער אַלע איינצלנע שטריכן. ערשט דאַן קען מען זיך ריכטיק שאַפן דאָס בילד פון דער גאַנצער זאַך. יידישער אַנאַליז באַשטייט נישט אין דעם צעלייגן אַ זאַך אויף שטיקלעך. נאָר אויף פאַרגרעסערן די גאַנצע זאַך, כדי אירע שטיקלעך זאָלן זיין בול־טער; כדי בעסער צו באַטראַכטן די איינצלנע טיילעכלען, און פון דעם צו קומען צו אַ מער גרינטלעכער אויפפאַסונג פון דער גאַנצקייט.

יידן האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער פעאיקייט צו קענען פאַר־איינען אין איין גאַנצקייט און אין איין איינהייט, אפילו אַזעלכע באַ־גריפן וועלכע זענען, דאַכט זיך, קאָנטראַסטן. דענקער פון דער וועלט האָבן איבעראַל געזען פּילקייטן. זיי

האָבן קיינמאָל נישט געקענט געפינען דעם פאָדעם וועלכער פאַראייניקט די דיפערענצן. דער יידישער בליק האָט געזען אחדות און אייניקונג. פילאָזאָפיש גענומען, איז פילקייט געבונדן מיט מאַטעריע; איינהייט, דאַקעגן, מיט אידעע. מאַטעריע איז געטיילט; אידעע איז איינהייטלעך. דער יידישער כוח צייכנט זיך אויס מיט אַ וואונדערלעכער פעאיקייט צו קענען מאַניפּולירן מיט אַבסטראַקציעס און געדאַנקען. ער קען דערפאַר צונויפלעכטן און פאַראייניקן געדאַנקען וועלכע זענען מאַטעריעל פאַרשידן, אָבער אידעאיש איינהייטלעך.

שוין אונזערע חכמי התלמוד האָבן שטרענג באַקעמפט דעם באַגריף פון שתי רשויות. דאָס מיינט, דעם דואַליזם. יעדער דואַליזם, האָבן חז״ל באַהויפּטעט, שמעקט מיט גשמיות. ביי יידן האָט נישט עקזיסטירט קיין דואַליזם; אפילו ביי אַזעלכע הלכה־באַגריפן ווי למשל: דינים בין אָדם לחבירו און דינים בין אָדם למקום. דאַכט זיך, אַז דאָס זענען צוויי באַזונדערע וועלטן. אָבער די יידישע הלכה האָט זיי ביידע צונויפגעבונדן אַלס איין גאַנצעס, נישט צעטיילבאַר, אַזוי ווייט ביז צו דעם באַקאַנטן, וואונדערלעכן אויסדרוק פון: קב״ה, ישראל ואורייתא, חד הוא. איבעראַל, אייניקייט און גאַנצקייט.

אונזער גמרא האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם זעלטענעם כאַראַקטער פון דעם יידישן פאָלק. פון איין זייט האָט די תורה דעם ייד כאַראַקטעריזירט אַלס דעם: עם קשה עורף. דאָס מיינט: האַרטנעקיק, נישט נאָכגעביק, פאַרעקשנט, און פון דער צווייטער זייט איז דער ייד אַן: עמא פזיזא; שנעל, לייכט זיך צו אַנטשליסן און גיך צו האַנדלען. דאַכט זיך, אַז די צוויי אייגנשאַפטן גייען נישט צוזאַמען. אָבער, פרה אדומה אלו ישראל. יידן זענען ווי די פרה אדומה. די דינים פון פרה אדומה זענען אויך געווען פון אַזאַ מין פאַרקערטן כאַראַקטער. פון איין זייט האָט מען מיט איר אַש מטהר געווען דעם וועלכער איז געווען טמא, און פון אַן אַנדערער זייט, אויב אַ טהורער מענטש האָט זיך צוגערירט צו דעמזעלביקן אַש, איז ער געוואָרן טמא. ביי יידן זענען דאָס נישט קיין קאָנטראַסטן, נאָר איינהייטלעכקייטן.

אָט דער פּסיכישער כאַראַקטערשטריך איז ביים ייד נישט קיין דערוואָרבענער, נאָר אַן איינגעבוירענער. שוין ביי זיין געבורט זענען אין די קאָנוואולסיעס פון זיין מאַרך איינגעקריצט פּאָטענציעלע אַנונגען און נייגונגען וואָס גייען איבער בירושה פון דור צו דור. דער מענטשלעכער מאַרך איז נישט קיין טאַבולאַ ראַזאַ, קיין לידיק שטיקל פּאַפּיר, וואָס מען קען אויף אים אָנשרייבן וואָס מען וויל, נאָר איז באַהויכט מיט ירושהדיקע גייסטיקע טעמפּעראַמענטן און אימפּולסן, וואָס ציען זייערע זאַפטן פון אוראַלטע קוואַלן. דער גרויסער געניוס שפּיגלט אָפּ אין זיינע שאַפונגען

בילמער יענעם גייסט וועלכן ער האָט גערישנט, איידער דעם גייסט וועלכן ער האָט דערוואָרבן אין א פרעמדער סביבה. אויב עס טרעפט צומאָל, אז אזא געניוס מיט א רייכער ירושה פון דורות, באַגעגנט אין זיין וויטערער אַנטוויקלונג א סביבה וואָס איז גייסטיק אַנדערש פון דער מיט וועלכער ער איז געבוירן, קען דאַן צומאָל אויסברעכן א דיסאָנאַנס אין זיין גייסט און שטערן צו זיין ריכטיקער אויסבילדונג. אזא קאָנפליקט ווירקט גיפטיק אויף דער שאַפונג פון אזא פערזענלעכקייט. אזא פערזענלעכקייט קען אפשר ארויסוואַקסן א גרויסער דענקער, א גרויסער וויסנשאַפטמאַן אָדער פילאָזאָף. אָבער קיינמאָל נישט קיין גרויסער מענטש, קיינמאָל נישט קיין גאַנצער מענטש. שפינאָזא, פרויד און בערגסאָן, זענען געווען די אומגליקלעכסטע מענטשן אין זייער אייגענעם לעבן, טראָצדעם וואָס זיי זענען געווען געניאַלע דענקער אין זייערע דורות.

— 4 —

דעם ספּעציפיש־יידיש מאָניסטישן צוגאַנג צו טעאָרעטישע פּראָבלעמען, האָט אַמקלאָרסטן איבערגעגעבן דער רמב״ם (מורה נבוכים ח׳א פע׳ב).

קודם כל האָט דער רמב״ם באַוויזן, אַז די גאַנצע יידישע פילאָזאָפיע וועגן גאָט, אוניווערס און מענטש, קען אוועקגעשטעלט ווערן אין איין איינציקן פרק. שוין דאָס אַליין איבערצייגט וועגן דער איינהייטלעכקייט, אייניקייט און איינציקייט פון דעם יידישן געדאַנקענגאַנג.

עס איז דערפאַר כדאַי זיך אַביסל צו באַקענען מיט געוויסע זאַצן, וואָס דער רמב״ם האָט אין דעם איינעם פרק אָנגעשריבן. איך וויל ציטירן וואָרט ביי וואָרט:

„זאָלסט וויסן, אַז אַלץ וואָס עס איז פאַראַן, איז איין איינהייט, און אויסער אַט דער איינציקער איינהייט איז גאָרנישטאָ. פונקט ווי דער מענטשלעכער קערפּער איז איין איינהייט, אַזוי איז דער גאַנצער אוניווערס (די פּלאַנעטן, די שטערן, די ערד, און אַלץ וואָס אויף דער ערד און אין דער ערד) איין איינציקע איינהייט. נישטאָ קיין טיילונג און נישטאָ קיין ליידיקייט אין דעם אוניווערס. ביים מענטשלעכן קערפּער, דאַכט זיך אויך, אַז ער איז צונויפגעשטעלט פון פאַרשידענע איינצלנע טיילן. אָבער עס איז נישט אמת. עס עקזיסטירן נישט קיין איינצלנע טיילן פון אַ מענטשלעכן קערפּער. נישטאָ קיין האַרץ אַליין, אָדער קאָפּ אַליין, אָדער אַ לעבער אַליין. פונקט אַזוי איז נישטאָ קיין ערד אַליין, קיין פייער אַליין, קיין הימל אַליין. אַלע צוזאַמען בילדן דעם איינהייטלעכן אוניווערס".

דער רמב״ם האָט דאָ באַטאָנט די אויסנאַמסקייט פון דעם יידישן געדאַנקענגאַנג, וואָס האָט פאַר דעם באַגריף פון איינהייט אוועקגעשטעלט דאָס וואָרט: אחד. דער וואָרט מיינט

אין העברעאיש: איינס, און ער מיינט אויך צוגלייך: גאַנץ. (והי׳ המשכן אחד: שמות ל״ו י״ג). איינ־הייט און גאַנצקייט גייען ביי יידן צוזאַמען. „מיר מענטשן, וועלכע לעבן אויף דעם פּלאַנעט, וואָס רופט זיך ערד; מיר זענען פאַר אונז פיר־ערליי עלעמענטן: ערד, וואַסער, לופט און פייער. אָבער אַלע די פיר זענען אויך איין איינהייט און איין גאַנצקייט. איינס קען אָן דעם צווייטען נישט עקזיסטירן. בלויז די פאַרשידנאַרטיקע קאָמבינאַציעס פון די פירערליי עלעמענטן, ברענגען אַרויס די פאַרשידנאַרטיקייט פון די פאָרמען וואָס דערשיינען פאַר אונז. דאָס קומען און דאַס פאַרשווינדן, איז אויך נישט קיין געטיילטע זאַך. פאַרשווינדן מיינט איבערגאַנג אין אַן אַנדער מין אויפקומען".

אין די פון מיר פריער ציטירטע ווערטער פון רמב״ם, געפינט זיך איינער פון די וויכטיקסטע יסודות פונם יידישן געדאַנקענגאַנג. אין דער געשיכטע פון דער מענטשלעכער פילאָזאָפיע איז פון תמיד אָנגעגאַנגען אַ שטרייט וועגן די סיבות פון דערקענטניש וואָס געפינען זיך אין דעם מענטש. אַ טייל האָבן געהאַלטן, אַז בעיקר זענען מאָסגעביק די חושים. דאָס וואָס מען זעט און מען הערט וכדומה. אַנדערע האָבן אָפּגעלייקנט די אמתדיקייט פון חושים. זיי האָבן געהאַלטן נאָר פון שכל. אויב שכל דיקטירט עפּעס אַנ־דערש פון דעם וואָס מען זעט, דאַן איז דאָך וואָס מען זעט פאַלש. נאָך אַנדערע האָבן געהאַלטן, אַז דער עיקר איז די אינטואיציע. דאָס וואָס מען פילט און וואָס מען איבער־לעבט וכדומה. ביי יידן האָט דער גאַנצער שטרייט קיינמאָל נישט עק־זיסטירט. יידן האָבן אין די דער־קענטניש־כוחות נישט געזען קיין טיילונגען, נאָר דערגאַנצונגען און איינהייט.

איינס פון די יסודות פון יידי־שער תורה איז, אַז זי אַליין, אָט די תורה, פאַרמאָגט אין זיך פיר־ערליי סיסטעמען: פּשט, רמז, דרוש, סוד. פּשט און רמז קען מען זען, הערן און אפילו אָנווייזן. דרוש איז דער ריין שכלדיקער צוגאַנג, און סוד איז דער נביאישער אינטואי־טיווער איבערלעבונגס־פּראָצעס פון זיך פאַרטיפן אין דער תורה. תורה אַליין ליגט זיך צונויף פון מצוות מעשיות, פּראַקטישע אויספירונגען פון געזעצן און טאַטן אין דעם טאָג־טעגלעכן לעבן. דאַן פון לערנען און שטודירן די תורה, און דאַן די גייסטיקע איבערלעבונגען פון תור־רהדיקן, ריין רוחניותדיקן געניטוס. קיינער זאָל זיך נישט איינרעדן, אַז תורה מיינט בלויז דעם שבכתב (דאָס אָנגעשריבענע אין דעם תנ״ך). דער שבכתב איז געבונדן מיט די אַנדערע צוויי אָפּטיילונגען (נגלה און נסתר), וועלכע זענען בעל פּה איבערגעגעבן געוואָרן פון די פער־זענלעכקייטן אין יעדן דור. דער שבכתב האָט בלויז געהאַט דאָס גליק וואָס ער איז געבליבן גאַנץ ביז היינט. דאַקעגן, דער שבעל פה,

זייער א סך פון אים איז פארלוירן געגאנגען במשך פון די טויזנטער יארן וואס ער איז איבערגעליפערט געווארן. דער שכל התורה און די נבואת התורה זענען געווען דאס איינגנטום פון בלויז געציילטע יחי־דים. אויך האט פארפליכטעט א געז־זעץ, אז דער שבעל פה טאר נישט אויפגעשריבן ווערן, דערפאר פעלט אונז א סך פון דעם שבעל פה (מו״נ ח״א פע״א).

די גרויסע פערזענלעכקייטן איז יעדער דור האבן אבער יא געוווסט א סך פון תורה שבעל פה. זיי האבן אויך געוווסט פון דעם איינהייטלעך גאנצן צונויפבונד צווישן דער תורה שבכתב מיט דער תורה שבעל פה. די גרויסע פערזענלעכקייטן ביי יידן, וועלכע האבן געהאט א השפעה אויף דער אנטוויקלונג פון דעם יידישן געדאנקענגאנג, זענען דער־פאר געווען, קודם כל, גאונים אין תורה. דאן, טיפע פילאזאפן, און דאן אויך גרויסע יראי השם. די דריי זאכן זענען ביי יידן געגאנגען געפארט. דער רמב״ם האט דאס זייער דייטלעך ארויסעבראכט, כאטש ער האט וועגן דעם געהאט געגנער. דער רמב״ם פארדאנקט זיין גרויסן פלאץ וואס ער פארנעמט ביי יידן, נישט בלויז מיט זיין פילאזאפיע, נאר בעיקר מיט זיין יד החזקה און פירוש המשניות; מיט די ריין תור־רה־שבעל־פה׳דיקע הלכה ספרים. דאן ערשט מיט זיין פילאזאפיע, און דאן ערשט מיט זיינע טיפע ספרים וועגן נבואה. ער האלט, אז נבואה איז פונקט אזא דערקענט־ניש־כוח ווי שכל. נאכמער: דער כוח פון נבואה שטייט העכער פון שכל. אבער ביידע כוחות מוזן זיך דערגאנצן. נבואה מוז זיין על פי תורה און מוז שטימען מיט דעם שכל התורה. אויב נישט, איז עס נישט קיין נבואה. פשוט דערפאר, ווייל אויב זי איז נישט איינשטימיק מיט תורה, איז זי דאן אפגעטיילט פון דער תורה, און תורה איז נישט געטיילט, נאר איז איין גאנצקייט און איין איינהייטלעכקייט. אזוי האבן אויך געדענקט רבינו סעדיה גאון, רבינו בחיי און דער רמב״ן.

כדאי זיך צו באקענען מיט א וואונדערלעך בילד, וואס טיפע יידי־שע דענקער האבן געגעבן וועגן דעם איינהייטלעכן געדאנקענגאנג בנוגע צו תורה.

דער רמב״ם האט דערמאנט, אז איז דער וועלט אין וועלכער מיר לעבן. זעען מיר פירערליי עלע־מענטן: ערד, וואסער, לופט און פייער. דאכטן, דאכט זיך, אז דאס זענען פיר, אבער אין דער אמתן זענען זיי איינס. אינטערעסאנט איז, אז מיט דעם ערשטן בליק וואס א מענטש גיט אויף דער וועלט, באג־געגנט ער קודם די יבשה, די ערד. דאן דאס וואסער, דעם ים. דאן די לופט, די אטמאספערע. נאך העכער, איז די זון, וואס שטעלט פאר דאס פייער. אויך די אינטעלעקטועלע מעטיקייט פון דעם מענטש איז גע־נוי אזוי ווי די דרויסנדיגע דערשיי־נונג פון דער וועלט. די אינטעלעקט־

ט עלע אקטיוויטעט פון א מענטש, באשטייט קודם פון די חושים; פון דעם וואס מען טראכט אריין אין דעם וואס מען זעט און וואס מען הערט. אט די טעטיקייט איז געגליכן צו א יבשה. אויף א פעסטן באָדן, גייט מען מיט פעסטע שריט. מען האָט פאר זיך א וועג. עס איז דערפאר זייער לייכט צו גיין אויף דער יבשה. עס איז אויך זייער לייכט צו אורטיילן אויף דעם גרונט פון דעם וואָס מען זעט און מען הערט. אויף א יבשה קען מען גיין אַפילו נישט גלייך, אפילו ארויף און אראָפ, אפילו ווען מען פארבלאָנדזשעט, קען מען אויך צוריקקומען. מען זעט איין דעם טעות. דאָסזעלבע ביים אורטיילן לויט דעם וואָס מען זעט און מען הערט. אנדערש אָבער איז דער ים. דאָרט איז קיין וועג נישטאָ. אויב מען וויל זיך באַוועגן אין ים, מוז מען קענען שווימען. א מענטש וואָס קען נישט שווימען, ווערט דערטרונקען אין ים. ים, איז דער משל פאר דעם מענטשלעכן שכל. כדי צו אָפערירן מיט דעם שכל, מוז מען זיין א שווימער. טיפע לערנער ווערן דערפאר אָנגערופן שווימער. דער תלמוד רופט זיך: ים התלמוד. די תלמידי־חכמים שווימען אין אים. גוטע שווימער באַוועגן זיך אין אים ווי אויף דער יבשה. קאַליקעס, ווערן דערטרונקען. גאָר אַנדערש איז לופט. דאָרט, נישט מען קען גיין, נישט מען קען שווימען. אין לופט מוז מען בלויז פליען. צום פליען, מוז מען האָבן פליגל. האָט מען נישט קיין פליגל, פאַלט מען באַלד אַראָפּ און מען ברעכט דעם קאָפּ. נבואה, אינטואיציע און וויזיע: דאָס זענען טעטיקייטן וואָס שפילן זיך אָפּ אין לופט. דער ריכטיקער נביא, פּאָעט און פיינפילנדיקער גייסט, דערהייבט זיך העכער פון יבשה און העכער פון ים. ער פליט אין דער לופט, ווייל ער האָט פליגל. ער פאַלט נישט אַראָפּ.

נאַריש איז דער מענטש, וועלכער וויגענדיק אויף דער יבשה, און נישט האָבנדיק קיין געלעגנהייט צו זען א ים, באַהויפּטעט ער דערפאַר, אַז לא היו דברים מעולם. נישטאָ בכלל קיין ים אויף דער וועלט. פּונקט אַזוי זענען נאַריש די אינטעלעקטואַלן וועלכע זענען אָנהענגער פון בלויז חושים. זיי האַלטן נאָר פון דעם וואָס זיי זעען און הערן. פון שכל ווילן זיי נישט וויסן. ווער שכל, וואָס מיר שכל. פאַראַן בלויז סענסואַליזם און עקספּערימענט. נאַריש זענען אויך די וועלכע זאָגן, אַז פאַראַן בלויז יבשה און וואַסער. אָבער נישטאָ קיין לופט. מען קען אין לופט נישט גיין און נישט שווימען. פליען קען קיין מענטש נישט. מיר לעבן אָבער היינט אין א צייט, ווען כמעט די הויפּט־באַוועגונגען קומען פאָר נאָר אין דער לופט און נאָר דורך פליען. פּונקט אַזוי זענען אויך נאַריש די אינטעלעקטואַלן וואָס האַלטן, אַז פאַראַן בלויז חושים און שכל, אָבער אינטואיציע, נבואה, איז דמיון און פאַנטאַזיע, וואָס האָט נישט קיין

ממשות. דאָס איז אָפּגענאַרט. וועלט מיינט יבשה, ים און לופט. אָן לופט איז נישטאָ קיין וועלט. אָן לופט האָבן יבשה און וואַסער קיין עקזיסטענץ - באַרעכטיקונג נישט. דאָסזעלביקע איז מיט וויזיע און מיט נבואה. אָן זיי איז נישטאָ קיין לעבן. לעבן מיט חושים און מיט שכל גיט נאָך נישט קיין אינהאַלט פון לעבן. לעבן באַקומט דעם ריכ־טיקן ווערט ערשט דעמאָלט ווען מען באַוועגט זיך אין אַלע דריי־ע־ליי ספערן צוזאַמען.

איין זאַך טאָר מען נישט פאַר־געסן, אַז קודם איז די יבשה. פון דער יבשה לאָזט מען זיך אַריין אין ים, און פון דער יבשה הויבט מען זיך אויף אין דער לופט. אָן יבשה קען מען נישט דערגרייכן נישט קיין ים און נישט קיין אַטמאָספערע. אויך דער מענטשלעכער אינטע־לעקט מוז זיך שטיצן אויף חושים. מען טאָר מיט שכל נישט באַשטי־מען אַז די פאַקטן זענען פאַלש. שכל דאַרף באַגרינדן די פאַקטן. אָבער נישט אָפּלייקענען זיי. אויך נבואה קען נישט גיין להיפוך מדעת התורה. יידישע תורה לערנט, אַז די אינטעלעקטועלע כוחות אין דעם מענטש באַקעמפן זיך נישט און זיי נעגירן זיך נישט, נאָר זיי פאַריי־ניקן און דערגאַנצן זיך. דער־רמב"ם (מו"נ ח"א פע"א) זאָגט, אַז אַלע גריכישע און אַראַבישע פילאָ־זאָפן האָבן געמאַכט דעם טעות, אַנ־נעמענדיק אַז דאָס וואָס דער שכל האָט זיי דיקטירט, האָט אַ רעכט אָפּצולייקענען די פאַקטן וואָס די חושים באַשטעטיקן אונז. אַזאַ צו־גאַנג איז פאַלש.

— 5 —

די ספּעציפישקייט פון דעם יידי־שען געדאַנקענגאַנג, איז די מאָנים־טישע אויפפאַסונג פון אַלעם וואָס ער האָט צו באַהאַנדלען. דערפאַר האָט דער ייד אויך אין די אינטע־לעקטועלע כוחות פון דעם מענטש נישט געזען קיין איינצלנע אָרגאַ־נען, וועלכע באַקעמפן זיך, אָדער נעגירן זיך, נאָר פאַרקערט: פאַ־טענצן וועלכע דערגאַנצן זיך אין פאַרהעלפן אַריינצוקומען טיפער אין די געהיימנישן פון וועלט און מענטש.

איך וויל דעם ענין אַרויסברענגען נאָר דייטלעך מיט אַ משל פון מאַ־טעמאַטיק. די גאַנצע מאַטעמאַטישע געאָמעטריע באַשטייט פון דריי די־מענזיאָנען. פאַראַן אַ ליניע וואָס פאַרמאָגט בלויז איין דימענזיע. זי האָט בלויז אַ לענג. איר מאָס איז נאָר איינע. זי גייט בלויז אין איין ריכטונג. מער האָט זי נישט. פאַראַן דאָן אַ דרייעק, אַ פירעק. זיי האָבן שוין אויסער לענג אויך ברייט. ביי זיי זענען פאַראַן צוויי דימענזיאָנען. דאַן איז פאַראַן אַ קוביק, וואָס אויסער לענג און ברייט, האָט ער נאָך אויך הויכקייט אָדער טיפקייט. דאָס איז די דריטע דימענזיע. מער גייט עס נישט. אינטערעסאַנט איז, אַז ביאָלאָגיע האָט אויסגעפונען, אַז עס זענען פאַראַן גאָר נידעריקע

בעלי־חיים, ווערימלעך אַזעלכע און פליגעלעך, וואָס כאָטש זיי האָבן אויגן, זעען זיי נאָר איין דימענזיע. זיי זעען נאָר פאַר זיך. דאָס מיינט: זיי דערבליקן נאָר די לענג, אָבער זעען נישט פעאיק צו זען דאָס וואָס איז אין דער זייט. זיי ווייסן נישט פון קיין דערבליקן עפּעס אין דער ברייט. אַביסל מער אַנטוויקלטע בעלי־חיים זעען שוין אַ לענג מיט אַ ברייט. דאָס מיינט, אַז זייער בליק דערזעט אַ גאַנצע פלעכע. אָבער קיין הויכקייט און טיפקייט דערזעען זיי נישט. זיי ווייסן נישט פון קיין דריטער דימענזיע. ערשט די גאָר אַנטוויקלטע בעלי־חיים, זיי דערבליקן אַלע דריי דימענזיעס. יענע, נידעריקע בעלי־חיים, וואָס דערזעען נישט מער ווי איין דימענזיע; זיי גלויבן טאַקע נישט אַז עס קען עקזיסטירן אַ ברייט אָדער אַ טיף, ווייל זיי דערבליקן דאָס נישט. ווי נאַריש וואָלט געווען אַ מענטש, וועלכער וואָלט געוואָלט, ווי יענע נידעריקע בעלי־חיים, אָפּערירן אין געאָמעטריע בלויז מיט איין דימענזיע! ער וועט אייך באַהויפּטן, אַז אַזוי ווי די ליניע איז ביי אים די זיכערכטע מאָס, ווייל ער בלויז אַנערקענען נאָר די ליניע. אַ צווייטער וואָלט געקענט דאָס זעלביקע זאָגן אויף דער ברייט. אַ דריטער וואָלט געזאָגט, אַז ער וואָלט אָפּערירט בלויז מיט ביידע: מיט לענג און מיט ברייט, אָבער נישט מיט טיפקייט אָדער הויכקייט. פאַרשטייט זיך, אַז מען וואָלט אַזעלכן פשוט אויסגעלאַכט און אָפּגעשפּאָט פון אים. געאָמעטריע מוז זיך באַוועגן אין אַלע דריי דימענזיאָנען. נישטאָ ביי קיין שום פיגור קיין מעגלעכקייט פון אויסמעסטן, נישט נעמענדיק אין באַטראַכט אַלע דריי דימענזיאָנען.

די מענטשלעכע אינטעלעקטועלע אַקטיוויטעטן זענען גענוי ווי די דימענזיאָנען פון דער געאָמעטריע. די חושים פון דעם מענטש זענען ווי די איינפאַכע ליניע וואָס ציט זיך גלייך פאָרויס און האָט נישט קיין ברייט און נישט קיין טיף. סענסואַליטעט דערבליקט בלויז איין דימענזיע פון יעדער זאַך. אַ מענטש וואָס אַנערקענט בלויז די עקזיסטענץ פון זאַכן וואָס ער דערבליקט מיט דעם אויג, אָדער נעמט אויף מיט זיינע אַנדערע חושים, איז גלייך צו יענעם וואָס וויל אויסמעסטן אַ פיגור נאָר מיט איין דימענזיע. דער מענטשלעכער שכל איז דער אָרגאַן וואָס אָפּערירט שוין מיט צוויי דימענזיאָנען צוזאַמען. דער מענטשלעכער שכל זעט מער. ער פאַרשטייט, אַז אויסער דעם וואָס עס געפינט זיך פאַר אים, איז נאָך פאַראַן אַן אַרום און אַרום. דער שכל באַטראַכט אויך די אַזוינגערופענע ברייט פון יעדע זאַך. אָבער אויך דער וואָס באַשרענקט זיך נאָר אויף שכל אַליין, איז פונקט ווי יענער וואָס האָלט אַז עס איז נישטאָ קיין טיפקייט. פאַר אים עקזיסטירט בלויז אַ קוואַדראַט, אָבער נישט קיין קוביק. פונקט ווי אַ געאָמעטריקער, וועלכער נעמט נישט אין באַטראַכט קיין הויכקייט אָדער טיפקייט, קען

נישט האָבן די ריכטיקע מאָס פון דער פיגור, פונקט אזוי קען אויך דער דענקער, וואָס נעמט נישט אין באַטראַכט די אינטואיציע און די איבערלעבונג פון דעם מענטש ביי יענער דערקענטניש, נישט האָבן קיין אמתדיק בילד פון אמתדיקער דערשיינונג. נאָר די קאָמבינאַציע פון אַלע דריי אָרגאַנען צוזאַמען: חושים, שכל און אינטואיציע, גיבן דאָס ריכטיקע בילד. אינטואיציע איז דער אָרגאַן, וואָס אויסער לענג און ברייט, דרינגט ער אויך אַריין אין דער טיפקייט און הויכקייט פון יעדער דערשיינונג.

פאַראַן פאַר דעם ענין נאָך אַ גאַר טרעפלעך משל, טאַקע פון דעם לעבן אַליין. מיר לעבן היינט אין אַ צייט, אין וועלכער פאָטאָגראַפישע בילדער זענען פאַרשפּרייט אין דער גאַנצער וועלט. עס איז נישטאָ אַ לאַנד אין דער וועלט עס זאָל נישט זיין געווען אָפּגעפאָטאָגראַפירט אין בילדער און אַרויסגעגעבן אין שיינע אַלבומס. נעמען מיר למשל, אונזער מדינת־ישראל. אויך זי האָט אַרויסגעגעבן אַן אַלבום פון ירושלים אין אַ זייער שיינער אויסגאַבע. יעדער ייד שטרעבט צו זען ירושלים. ער בענקט דערנאָך. פאַרשטייט זיך, אַז ער קויפט זיך אַזאַ מין אַלבום. ער קוקט אים דורך. באמת, איז דאָרט טאַקע דאָ ירושלים פּינקטלעך. אָבער קיינער וועט נישט זיין קיין נאַר און באַהויפּטן, אַז ער קען שוין ירושלים, ווייל ער האָט געזען דעם אַלבום פון ירושלים. פאַראַן אַ צווייטער ייד, וואָס האָט אַ סך געלערנט און געלעזן וועגן ירושלים. ער קויפט אויך אַן אַלבום. ער דערקענט אין אים די פּלעצער וואָס ער האָט איבער זיי געלערנט. אָבער אויך ער וועט נישט זיין באַרעכטיקט צו באַהויפּטן אַז ער קען ירושלים. אויב מען וויל קענען ירושלים, דאַרף מען אַריבערפאָרן אַהין. מען מוז זען מיט די אויגן, דאַן אָנגעווענדן וואָס מען ווייסט וועגן ירושלים, און דאַן בעיקר טאַקע לעבן אין ירושלים. זען, וויסן און לעבן, דאָס זענען די דריי דימענזיאָנען, וואָס צוזאַמען שאַפן זיי דאָס ריכטיקע בילד.

איך וויל צוריקקומען צום משל מיט די דריי דימענזיאָנען פון געאָמעטריע. דער משל ברענגט גענוי אַרויס דעם יידישן צוגאַנג צו דערקענטניש. די דריטע דימענזיאָן, די אַזוי־גערופענע קוביק־אויסמעסטונג, קען נישט עקזיסטירן אַליין פאַר זיך. אָן לענג און אָן ברייט, איז נישטאָ קיין הויכקייט אָדער טיפקייט. דאָס זעלביקע איז מיט דעם קוואַדראַט. אָן אַ ליניע קען קיין קוואַדראַט נישט זיין. נאָר לענג מיט ברייט צוזאַמען בילדן דעם קוואַדראַט. דער וואָס אָפּערירט מיט קוביק מוז זיך באַדינען מיט אַלע דריי אויסמעסטונגען. דער וואָס אָפּערירט מיט קוואַדראַט, מוז זיך באַדינען מיט צוויי אויסמעסטונגען. דאָס מיינט, אַז די העכערע מאָסן זענען געבונדן מיט די נידעריקערע. דאַקעגן, אויב מען אָפּערירט בלויז מיט די נידעריקע אַליין; אויב מען הויבט למשל אָן בלויז

מיט דער ליניע, קען מען זיך טאַ־קע איינרעדן, אז מער ווי ליניע איז נישטאָ. ביי דער ליניע דאַרף מען טאַקע נישט מער ווי נאָר די ליניע. דער אומגליק ביי דעם אינטעלעק־טועלן מענטש קומט, ווען ער הויבט אָן מיט חושים אליין. דאַמאָלט רעדט ער זיך איין, אַז מער פון חושים איז נישטאָ. די חושים דאַר־פען מער נישט. זיי קענען זיך באַ־גיין אָן יעדן אַנדערן אָרגאַן. ווער רעדט נאָך ווען אַ מענטש אָפּערירט מיט צוויי אָרגאַנען: מיט חושים און מיט שכל, קען ער זיך זיכער איינ־רעדן, אז מער איז נישטאָ גאָר־נישט. אַזעלכע מענטשן קענען קיינ־מאָל נישט קומען צום אמת פון דער־קענטניש.

אַז דער משל ברענגט ארויב כמעט דעם גאַנצן יידישן שטאַנד־פּונקט בנוגע צו יידישקייט.

די דריי דימענזיאָנען פון רויב: די ליניע, דער קוואַדראַט און דער קוביק, נישט בלויז וואָס זיי עק־זיסטירן צוזאַמען און געפינען זיך איינער ביים צווייטן, נאָר זיי פאַר־גרעסערן איינער דעם צווייטן. נע־מען מיר למשל אַ ליניע וואָס האָט 10 מעטער לאַנג. זי האָט 10 מעטער און נישט מער פון 10 מעטער. אויב מיר גיבן צו איר צו אַ צווייטע לי־ניע אין דער ברייט און מיר שאַפן אַ קוואַדראַט; דאָס מיינט, אויב מיר גיבן צו נאָך אַ דימענזיע; די צוויי־טע דימענזיע, די ברייט, האָט אויך נישט מער ווי 10 מעטער; מיר האָבן לפי זה אַ לענג פון 10 מעטער און אַ ברייט פון 10 מעטער. 2 מאָל 10 וואָלט באַדאַרפט זיין 20. דער קוואַ־דראַט וואָלט לפי זה באַדאַרפט האָבן 20 מעטער. עס איז אָבער נישט אַזוי. דער קוואַדראַט פון 10 מעטער לאַנג און 10 מעטער ברייט, האָט 100 מעטער. עס געשעט לפי זה נישט קיין אַדירונג, נישט קיין צו־גאָב פון איין דימענזיע צו דער צווייטער, נאָר אַ מולטיפּליצירונג. דאָס מיינט, אַז עס קומט אַרויס אַ סומע נישט פון לענג מיט ברייט, נאָר פון לענג געטאָפּלט מאָל ברייט. דאָסזעלביקע ביים קוביק, וואָס מיינט, אַז צו לענג און ברייט ווערט צוגעגעבן נאָך אַ דימענזיע פון טיף אָדער הויך. אויך די קוביק־ליניע האָט למשל נישט מער ווי 10 מע־טער; אויך דאָ קומט נישט פאָר קיין אַדירונג, נאָר אַ מולטיפּליצירונג. אַ קוביק פון 10 מעטער האָט טויזנט מעטער.

דאָסזעלבע געשעט ביים מענטש־לעכן אינטעלעקט. דער מענטש וואָס באַדינט זיך בלויז מיט זיינע חו־שים, מעגן זיי זיין ווי אַנטוויקלט און מעג מען מיט זיי מאַכן די זי־כערסטע און די גענויעסטע עקספּע־רימענטן, זיי ווייזן דעם מענטש בלויז אַ ליניע. מיט זיי דערגרייכט אַ מענטש למשל אַ געוויסן סכום פון פונקטן בנוגע צו דער זאַך. אָבער נישט מער. איצט, ווען דער־זעלבער מענטש שטעלט אָן זיין שכל, ער גיט צו שכל צו די חושים, דעמאָלט זעט ער דיזעלבע זאַך נישט בלויז מיט ביידע זיינע אָרגאַנען, נאָר ער זעט זי מיט מולטיפּליצירטע

כוחות. ער באַקומט אַ סומע פון: שכל מולטיפּליצירט מיט חושים, אָדער פאַרקערט: פון חושים מולטיפּליצירט דורך שכל. איצט, ווען ער שטעלט נאָך אָן צו ביידע זיין כוח פון אינטואיציע, זעט ער דיזעלבע זאַך נישט בלויז דריי מאָל, נאָר מולטיפּליצירט: שכל מאָל חושים און אינטואיציע מאָל שכל.

דער יידישער בליק האָט זיך קיינמאָל נישט פאַרלאָזט אויף בלויז חושים אליין, נישט אויף בלויז שכל אליין און נישט אויף בלויז אינטואיציע אליין. די יידישקייט גופא איז אויך געבויט אויף אַלע דריי דעריקענטניש־אָרגאַנען צוזאַמען. אַלע פעלקער פון דער וועלט אָפּערירן בנוגע צום באַגריף פון פאָלק בלויז מיט איין דימענזיע. אויב מען שטאַמט פון פראַנצויזישע אָדער ענגלישע עלטערן, און מען רעדט פראַנצויזיש אָדער ענגליש, איז מען אַ פראַנצויז אָדער אַן ענגלענדער. פאָלקס־צוגעהעריקייט איז דערפאַר ביי אַלע פעלקער אַ ריין חושים'דיקער באַגריף. ביי יידן ווערט די צוגעהעריקייט צום יידישן פאָלק געמאָסטן קודם כל נאָך מיט אַ צווייטער דימענזיע. מען מוז אויך זיין כאָטש באַהאַוונט מיט עפּעס יידישן וויסן. אָבער דאָס איז אַלץ נאָך נישט גענוג. מען קען זיין געבוירן פון יידישע עלטערן און רעדן יידיש, און אויך זיין אפילו אַ סך באַהאַוונט מיט יידיש וויסן, און דאָך קיין ייד נישט זיין, ביז מען האָט נישט אין זיך די דריטע דימענזיע; די מאָס פון טיפקייט און הויכקייט. דאָס מיינט: מען מוז צו יענע צוויי פריערדיקע באַגריפן נאָך לעבן פאַקטיש ווי אַ ייד, פילן ווי אַ ייד, זיך פירן ווי אַ ייד. דאָס איז דער יידישער בליק אויף יידישקייט. יעדער פּרווו צו קאָנצענטרירן יידישקייט בלויז אויף חושים, אָדער בלויז אויף שכל, אָדער בלויז אויף פאַנטאַזיע און עמאָציע, איז נישט יידיש און האָט מיט יידישקייט גאָרנישט צו טאָן.

תשעה־באָב

דריי מאָל האָבן יידן פאַרלוירן זייער לאַנד. אַלע דריי מאָל איז עס פאָרגעקומען אין תשעה באב.

דאָס ערשטע מאָל וואָס יידן האָבן פאַרלוירן ארץ־ישראל, איז עס געשען אין דער מדבר. נאָך איידער יידן זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, האָבן זיי געהערט די ווערטער פון ג־ט: להעלותו מן הארץ הזאת אל ארץ טובה ורחבה ארץ זבת חלב ודבש; נישט בלויז וועלן זיי פאַרלאָזן מצרים, נאָר זיי וועלן אַריינקומען אין דעם לאַנד פון זייערע אָבות. עס איז זייער אייגן לאַנד. צו אברהם, יצחק און יעקב, איז עס צוגעזאָגט געוואָרן פאַר זייערע קינדער. אַרויסגייענדיק פון מצרים, האָבן יידן פאַר זיך געהאַט אַ באַשטימטן און זיכערן וועג. זיי האָבן מאַרשירט אין זייער אייגן לאַנד אַריין. אָבער נישט לאַנג האָט עס געדויערט און זיי האָבן דאָס לאַנד פאַרלוירן; פאַרלוירן זייער וועג און פאַרלוירן זייער ציל. יענער ערשטער דור איז אין דער מדבר אויסגעשטאָרבן.

געשען איז דאָס אין תשעה באב.

משה רבינו האָט אַרויסגעשיקט געוויילטע פאָרשטייער צו קוקן אויף דעם לאַנד. זיי קומען צוריק און גיבען אָפּ אַ באַריכט, אַז נישט מעגלעך דאָס לאַנד צו באַזעצן. אויסהערענדיק דעם באַריכט האָבן יידן, אין דער נאַכט פון תשעה באב, זיך אַוועקגעזעצט וויינען און קלאָגן אויף דעם פאַרלוסט פון זייער וועג, פון זייער לאַנד און פון זייער ציל.

דאָס איז געווען דער ערשטער יידישער תשעה באב.

כדאַי זיך צו באַקענען מיט די דרשות פון חז״ל וועגן תשעה באב.

מערקווירדיק איז דער פאַקט, אַז נישט פון זיך אַליין איז דער ערשטער תשעה באב געקומען. בלויז מיט איין יאָר צוריק האָבן יידן געהאַט פאַרגעסן אין דעם שטרענגן פאַרבאָט, וואָס זיי האָבן געהערט אויף דעם סיני־באַרג, נישט צו דינען צו קיין פרעמדע געטער. אַן עגל האָבן זיי זיך געלאָזט מאַכן. צו אַ געץ האָבן זיי געדינט. צעבראָכן זענען דעמאָלט געוואָרן די לוחות פון באַרג סיני. אַ פאָלק וואָס

ברענגט צום צעברעכן פון די לו־חות, איז נישט פעאיק צו פארשטיין די ווערטפולקייט פון ארץ־ישראל. עס גלויבט נישט אין זיין כוח אריינצוקומען אין לאנד פון זיינע אבות. עס מוז שטארבן אין דער מדבר.

געשען איז דאס אין תשעה באב.

א גייער דור שטייט אויף. ער גייט קיין ארץ־ישראל. ער באזעצט זיך דארט. מער פון 500 יאר האבן יידן זיך איינגעווארצלט און איינגעבירגערט אין זייער לאנד. זיי האבן געהאט זייערע מלכים, זייערע פעלד־הארן, זייערע נביאים און זייערע כהנים. געזעסן זענען יידן דעמאלט. איש תחת גפנו ואיש תחת תאנתו. זייער גוט איז זיי געגאנגען. אבער דעם תורה־וועג האבן זיי פארלאזט. אין די ארומיקע פרעמדע פעלקער האבן זיי זיך איינגעקוקט. אויסגעלאסנקייט און שיכרות ארגיעס האבן זיך אפגעשפילט אויף אלע אפענע פלעצער. די נביאים האבן געהאלטן אין איין דערמאנען, אז יידן ברענגען אליין אויף זיך דעם חורבן. אבער אין פארדארבנקייט, הערט מען נישט דאס נביאישע ווארט. פאר נאריש און בטלניש באטראכט מען תורה און מוסר. עס דערציילט דער פסוק: ורוח אלקים לבשה את זכריה בן יהוידע ויעמוד מעל לעם. דער נביא זכריה איז געשטאנען העכער פון פאלק. ער איז געווען אי א כהן גדול, אי א נביא, אי א ריכטער, אי דער איידעם פון דעם קעניג יואש. געפרעגט האט ער ביים פאלק: פארוואס זייט איר עובר אויף ג־טס מצוות? איר וועט נישט מצליח זיין. דאס פאלק האט אים פארשטיינערט. דאס גייעג נאך ווילטאג און הפקרות האט פארבלענדעט די אויגן פון דעם געפאלענעם פאלק. דער פרעדיקער פון דעם אמתן ווארט איז פאר אים געווען ווי א דארן אן אויג. פארשווינדן, — האט דאס פאלק געזאגט — מוז אט דער וואס שטערט אים אין דער אויספירונג פון זיינע תאוות און קערפערלעכע געניסן. אויף א טרוקענעם שטיין האבן יידן זכריהס בלוט פארגאסן. נישט איינגעזאפט און נישט פארטרקנט איז דאס בלוט געווארן. געבליבן איז עס אויף דעם שטיין. געקאכט האט עס און געזאטן. שטראף האט עס פארלאנגט, און די שטראף איז געקומען.

עס דערציילט דער מדרש, אז רבינו הקדוש האט געזאגט: 18 יאר האט נבוכדנאצר געהערט אין זיין פאלאץ א בת־קול, וואס האט צו אים גערופן און געזאגט: קיין ירושלים גיי, צעשטער דארט דאס ג־טלעכע הויז. יידן פירן זיך נישט ווי יידן, טא דארפן זיי קיין בית־המקדש נישט. מי בקש זאת מידכם רמוס חצרי; אויסווארפן דארפן נישט טרעטען אויף קיין הייליקע פלעצער. עס דערציילט דער מדרש, אז נבוכדנאצר האט קיין ירושלים נישט געוואלט גיין. ער האט דעם בת־קול נישט געגלויבט. ער האט זיך געטראכט, אז בלויז פארנארן וויל מען אים אהין, כדי צו האבן דעמזעלביקן סוף וואס זיין זיידע סנחרב האט אמאל דארט געהאט. ער האט פארשידענע סימנים אויסגעפרווט. דאן

ערשט אויף ירושלים זיך געלאָזט, חרוב געמאַכט דעם בית־המקדש, און די יידן אין גלות פאַרטריבן.

געשען איז עס ווידער אין תשעה באָב.

70 יאָר האָבן חורבן און גלות דעמאָלט געדויערט. נאָך 70 יאָר, האָט זיך געהערט דאָס קול פון אַ קעניגלעכן באַפעל: יידן! איר קענט צוריקגיין צו אייער היים. איר קענט אויך ווידער אויפבויען אייער צע־שטערטן בית־המקדש. בלויז אַ גאָר קליינער, נאָר גייסטיק שטאַרקער און אידעאַל געטרייער טייל פון יידן, קע־רט זיך צוריק אין לאַנד. ער ריכטעט זיך איין און שטעלט צוריק דעם בית־המקדש. אַנדערע צייטן קומען. נישטאָ מער קיין געצנדינסט אין יידישן לאַנד. אויך אויסגעלאַסנקייטן און אַרגיעס פאַרשווינדן. אָבער פון אַ גאָר אַנדערע זייט הויבן זיך אָן באַווייזן סימנים פון חורבן און אונ־טערגאַנג. אינערלעכע קאַמפן, פון אידעאישן כאַראַקטער, באַפאַלן דעם ייד. תורהדיק לעבן, וואָס איז דאָס איינציקע וואָס פאַראייניקט יידן, הויבט אָן צו באַקומען פאַרשידנ־אַרטיקע אויסטייטשונגען. די אוי־טאָריטאַטיווע איבערליפערונגען פון טראַדיציעס און תורה דייטונגען פאַרלירן זייער אָנערקענונג ביים פאָלק. יעדער באַטראַכט זיך אַליין פאַר באַרעכטיקט אויסצוטייטשן די אַנהאַלטן פון יידישקייט, לויט זיין איינענעם שכל און פאַרשטאַנד. יע־דער נעמט אַליין זיך דאָס רעכט צו דעצידירן אין ענינים פון אידעע און גלויבן. טעאָריעס, שיטות און גייע מיינונגען, אַנטשטייען טאָג־טעגלעך ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן. אַ גרויסער, שווערער קולטור־קאַמף, פלאַקערט אויף ביי יידן. יעדע טע־אָריע שאַפט זיך אַ קרייז פון אָנ־הענגער. אַ מחלוקת הערשט צווישן די קרייזן. די מחלוקותן ברענגען צו שנאת חנם. די שנאה צו עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען. מיט אייגענער אי־ניציאַטיוו פירט מען אַריין די פרעמדע שטאַרקע רוימישע מאַכט, זי זאָל אַנטשיידן אין די אינערלע־כע מחלוקותן. אַנשטאָט איינצופיר־ן אָרדנונג, האָלט רוים אַז עס איז בע־סער פאַר איר אינגאַנצן צו צעשטע־רען די יידישע זעלבסטשטענדיקייט. ווידער ווערט חרוב דער בית־המקדש; ווידער ווערן יידן אין גלות געטריבן.

געשען איז עס ווידער אין תשעה־באָב.

פאַרטראַכטנדיק זיך אין די דריי תשעה באָב׳ס, האָבן אונזערע חכמים אויסגעפונען, אַז דער ערשטער תשעה־באב איז געווען אַ קאָנסעק־ווענץ פון דעם אומגלויבן וואָס האָט געהערשט ביי יענעם דור וואָס איז אַרויס פון מצרים. נישט אומ־זיסט האָט משה רבינו זיך דער־לויבט צו זאָגן צום רבונו של עולם: והן לא יאמינו לי; צו וואָס שיקסטו מיך קיין מצרים רעדן צו די יידן? אַן עבירה דאָס רעדן. יידן וועלן נישט גלויבן. דער ערשטער דור יידן, וועלכער האָט געוואַנדערט אין מדבר, איז געווען אַן אומגלויביקער. מיט אייגענע אויגן האָבן זיי געזען נסים אַזעלכע, וואָס די גרעסטע

נביאים פון שפּעטערע צייטן האָבן דערצו קיין זכי״ נישט געהאַט. אָבער דאָס האָט נישט געהאָלפן. טראָץ אַלע נסים, האָבן יידן דאָך געצווייפלט און געפרעגט: היש ד״ בקרבנו אם אין? זיי האָבן אָנגענומען נאָר דאָס וואָס זיי האָבן געזען מיט זייערע אויגן. אפילו אַ גאָט האָבן זיי געוואָלט אַזעלכן וואָס זיי זאָלן אים קענען זען; קענען אָנווייזן מיט זייערע פינגער: אלה אלהיך ישראל; אָט דאָס איז דיין גאָט ישראל. אַן עגל האָבן זיי זיך געמאַכט. צו אַ קאַלב האָבן זיי געדינט. פאַר אַזעלכע מענטשן איז ארץ־ישראל שוין דעמאָלט נישט געווען דער ריכטיקער פּאַסיקער פּלאַץ אויף זיך איינצוריכטן. טאַקע אַ פיין לאַנד, מיט פיינע פּירות. אָבער אָן אמונה, איז: אַ שרעק פאַר די אַלע ווילדע מענטשן (נפילים, בני ענק), וואָס געפינען זיך, אַזוי אין לאַנד, ווי אויך אין דעם אָרום און אַרום.

עס אַנטשטייט אַ נייער דור, וועלכער באַזעצט זיך אין ארץ־ישראל. ער ווערט באַפאַלן פון אַן אַנדער מין חטא. תאוות און אויסגעלאַסנקייטן באַהערשן דעם ייד. יידן האָבן געוואָלט נאָר וואָס מער אַריינכאַפּן פון דעם גשמיותדיקן עולם הזה. תורה, מוכר, עטיק און מאָראַל, האָבן זיי נישט אָנערקענט. צו וואָס דאַרף מען דאָס? דאָס איז אומנוטיק. דער בעסטער באַוויז זענען די פעלקער אַרום און אַרום. די מעשה ארץ כנען און די מעשה ארץ מצרים, זענען כסדר געשטאַנען פאַר די אויגן פון די יידן. זיי האָבן נאָכגעטאָן אַלע די תועבות און געלעבט ווי די גויים. דער חטא איז געווען נאָך ערגער פון דעם ערשטן. דער נביא ירמיהו האָט זיך דערלויבט צו ווערטער וועלע זענען ממש געוואַגט. ער האָט אויסגעשריגן: הלוואי אותי עזבו ואת תורתי שמרו. בעסער שוין אומגלויבן, איידער אויסגעלאַסנקייטן. הלוואי וואָלט איר יידן געווען געבליבן ביי אייער ערשטער זינד. דאָס מיינט, ביי אומגלויביקייט, און וואָלט על כל פנים געווען מענטשן מיט יושר, מיט מאָראַל, מיט עטישקייט און מיט אָנשטענדיקייט. גאָר דייטלעך זאָגט דעמאָלט ירמיה: על מה אבדה הארץ; פאַרוואָס האָבן יידן פאַרלוירן זייער לאַנד? ויאמר ד״ על עזבם את תורתי וכי״; ג־ט ענטפערט: ווייל יידן האָבן פאַרלאָזט תורה און מוסר; זיך נישט אויפגעפירט ווי יידן, און אַזוי ווייטער.

ווען יידן קומען צוריק אין זייער לאַנד, דערשיינט דאָן אַ דריטע, גאָר נייע קאַטעגאָריע יידן. דווקא גלויביק און אָנשטענדיק, מיט תורה און מאָראַל. אָבער, געשלאָגן מיט אַ גייסטיקער מכה, וואָס איבערשטייגט די פריערדיקע. פּוסטע גאווה, שטאָלץ און כבוד זוכעניש באַהערשן אַזוי יחידים, ווי אויך גאַנצע גרופּן. יעדע סעקטע שטרעבט מיט גוואַלד צו ווערן דער מושל בכיפה. יעדע גרופּע וויל מיט גוואַלד אומברענגען און פאַרניכטן די אַנדערע. ערנסטע, אמתדיקע תורה ־ רעפּרעזענטאַנטן, מוזן אַנטלויפן און זיך באַהאַלטן אין פרעמדע לענדער, אונטער פרעמדער באַשיצונג.

דרייערליי תשעה באב׳ס, פאַר דרייערליי חטאים: 1) אומגלויבן אין ג־ט. 2) הפקרות אין לעבן. 3) זיך שאַפן אייגענע תורות. שפּע־טערע יידישע דענקער האָבן דערפאַר אוועקגעשטעלט די יסודות פון יידישקייט אויף דריי עיקרים. 1) מציאת השם; גלויבן אין ג־ט. 2) השגחה ושכר ועונש; א ייד איז מחוייב צו וויסן אַז לעבן איז נישט הפקר. א ייד מוז לעבן מיט די גע־זעצן פון דער יידישער תורה. עס איז פאַראַן אַן אויג וואָס זעט, און אַן אויער וואָס הערט. הפקרות פון לעבן איז זיך נוקם. 3) תורה מן השמים; אליין קען מען קיין תורות זיך נישט שאַפן.

לאָמיר אין אונזער היינטיקן תשעה־באב זיך מאַכן א שטיקל חשבון וועגן אונזער מצב היינט. ווי שטייט עס ביי אונז: 1) מיט אמונה. 2) מיט תורהדיק לעבן. 3) מיט דער אַנערקענונג אַז קיין תורות קען מען אליין זיך נישט שאַפן. ביי אזא חשבון וועלן מיר איינזען, אַז מיר זענען מחוייב זיך צו זעצן אויף דער ערד און זאָגן קינות אין תשעה באב...

סליחות

אין די טעג פון סליחות געפינען מיר זיך ביים סוף פון א יאר וואס איז אוועק, און ביים אנהויב פון א יאר וואס דארף קומען. דאס אלטע יאר איז אוועק, אבער מיר ווייסן נישט וווהין. דאס נייע יאר קומט, אבער מיט ווייסן נישט פון וואנען. מיר געפינען זיך — הייכט עס — אין א מאמענט אין וועלכן דאס געוועזענע איז מער נישטא, און דאס קומענדיקע איז נאך נישטא. דאס מיינט, אז דער איצטיקער מאמענט אליין פאר זיך, איז גארנישט און האט גארנישט. אזא מאמענט איז דער אממערסטן געאייגנטער אויף זיך צו מאכן א חשבון וועגן מענטש און וועגן לעבן פון מענטש.

אונזערע גרויסע חכמים (אזוי אין די צייטן פון דער גמרא ווי אויך אין די שפעטערע צייטן פון ראשונים און אחרונים), האבן זיך זייער א סך פארטראכט וועגן דעם אינהאלט און וועגן דער באדייטונג פון דעם יום־טוב פון ראש־השנה.

מערקווירדיק איז, וואס יעדער יום־טוב האט, אין דער תורה, אן אנגעשריבענע באדייטונג. עס שטייט אין דער תורה אויסדריקלעך. פארוואס און צוליב וואס מען דארף דעם יום־טוב צו פייערן. אן אויסנאם איז דער ראש־השנה. דער גאנצער אויסדרוק „ראש־השנה” געפינט זיך בכלל נישט אין דער תורה. עס שטייט בלויז, אז אין דעם ערשטן טאג פון דעם זיבעטן חודש, זאל מען רוען און דערמאנען דורך שופר בלאזן. פארוואס און צוליב וואס, איז נישט דערמאנט. עס שטייט אויך: תקעו בחודש שופר „בכסא” ליום חגנו: שופר זאלט איר בלאזן אין דעם יום־טוב פון באהאלטנקייט. מעגלעך, אז דער ווארט מיינט אויך, אז דאס שופר בלאזן קומט פאר אין דעם יום טוב וואס זיין אינהאלט און זיין באדייטונג זענען באהאלטן, פארשטעלט און אומבאקאנט.

פארוואס איז דער יום־טוב פון ראש־השנה פארשטעלט און באהאלטען? מיר דאכט זיך, אז קודם כל, פשוט דערפאר, ווייל דער גאנצער באגריף פון צייט, איז פאר דעם מענטש פארשלאסן מיט זיבן שלעסער, און קיינמאל וועט דער מענטש

נישט דערגיין דעם סוד פון צייט. נאר גאראנים מענטשן טוען זיך א דריי אוים: צייט שטייט נישט! צייט לויפט! דער דענקנדיקער מענטש דאקעגן. ווייסט אז עס קען זיין אז ס'איז גאר פארקערט. צייט שטייט. צייט רירט זיך נישט. מיר גייען. מיר לויפן.

מאדערנע וויסנשאפט נעמט אן, אז צייט איז די פערטע דימענסיע פון רוים. א פערטע דימענסיע איז העכער פון דעם מענטשלעכן שכל און העכער פון פארשטאנד. זי איז בכסא; באהאלטן, פארשטעלט און פארהוילן.

ראש־השנה איז דערפאר נישט דייטלעך אנגעשריבן אין אונזער תורה, ווייל דער גאנצער באגריף פון ראש־השנה, פון טיילן צייט, איז נישט דייטלעך. מענטשן טיילן צייט אין יארן און אין חדשים, ווייל מענטשן ענדערן זיך אין דער צייט. אבער צייט אליין, וואס ווייסן מיר וועגן איר?

ווונדערלעך קלינגען די ווערטער פון חז"ל (פון פאר צוויי טויזנט יאר צוריק): אין הימל פרעגן מלאכים ביים רבונו של עולם, ווען איז ראש־השנה. דער רבש"ע ענטפערט זיי: לאמיר אראפגיין אויף דער ערד, און ביי קלוגע מענטשן לאמיר פרעגן...

* * *

איבער דער ריין פילאזאפישער זייט וועגן צייט, איז דער ראש־השנה, אויך פון מענטשלעכן בליק, א מאמענט וועלכער איז פאר יעדן פון אונז פארשטעלט און פארהוילן. פאר פעלקער פון דער וועלט איז דער מאמענט פון א נייע יאר א איבערגאנג אין נאטור, — א טרוקענע דאטע. פאר יידן איז ער אן איבערגאנג אין צייט, וואס איז געבונדן מיט א געפיל פון דרייערליי באגריפן: פאר דער אפגעלעבטער צייט, פאר דער צייט וואס מיר וועלן לעבן, און פאר דער צייט וואס מיר לעבן איצט אדורך. אויב מען פילט די דריי באגריפן, מוז מען זיך א פרעגע טאן: וואס לעבן מיר טאקע איצט אדורך? די פראגע מוז פירן צו א פארטראכטונג וועגן זין און שכלית פון לעבן, און וואס מיינט דאס לעבן.

דא קומען מיר צום אינהאלט פון די סליחות.

די סליחות קלערן אונז אויף אז מיר לעבן אין צייט. ענדערונג פון צייט מיינט צוגלייך ענדערונג פון לעבן. אויב לעבן ענדערט זיך, איז עס נישט סטאביל. דאס פילט יעדער פון אונז. א זאך וואס ענדערט זיך עקזיסטירט נישט און איז נישט אמת. א זאך וואס איז אמת און עקזיסטירט, קען זיך נישט ענדערן. וואס פאר א אמת און וואס פאר א עקזיסטענץ קען האבן א זאך, וואס נעכטן איז זי ניט געווען און מארגן וועט זי נישט זיין? אויב אזוי, וואסערישע איז דאס לעבן פון א מענטש?

אבער לעבן אליין פארמאגט צווייערליי זייטן. א פיזישע זייט און א גייסטיקע זייט. דאס פיזישע לעבן

ביים מענטש איז בשותפות מיט אלע אנדערע בעלי־חיים, און איז א פראצעס פון כסדרדיקער ענדערונג. פיזיש לעבן מיינט דער שטענדיקער שטאף־אויסבייט אין דעם קערפער. שטיקער פון דרויסן, אין דער פארם פון שפייז, געטראנק און לופט, קומען אריין אין דעם מענטשלעכן קערפער. זיי פארבינדן זיך מיט דעם מענטשלעכן לעבן. זיי ווערן באלעבט. דאקעגן, אנדערע טיילן פון אונז אליין, וואס האבן ביז איצט געלעבט און געווען שטיקער פון אונז אליין, ווערן כסדר ארויסגעשליידערט פון אונז און שטארבן אפ. יעדע רגע אטעמט א מענטש אריין אין זיך לופט און גיט פון זיך ארויס לופט. אין מענטשלעכן קערפער קומט כסדר פאר א מין פארברענונגס פראצעס, וואס האלט אין איין ענדערן די שטאפן פון דעם ארגאניזם. די לונגען פון א מענטש שפילן דערביי די ראלע פון א מין בלאזאק אין אן אייזן־שמידעריי. דער מענטש, אין זיין פיזישער זייט, איז לפי זה נישט מער ווי אן אויוון אין וועלכן עס ברענט כסדר און עס פארברענט זיך כסדר.

אין איין קורצן זאץ דערמאנען דערפאר די סליחות דעם: אנוש כחציר ימיו. דאס מענטשלעכע לעבן איז ווי גראז. גראז קומט און פארשווינדט. אויך דער מענטש קומט און פארשווינדט. דאס וואס גראז דויערט בלויז איין יאר, און מענטשלעך לעבן דויערט 70 יאר, לייזט נישט דאס פראבלעם. אין אוניווערס שפילן יארן קיין ראלע נישט. כי אלף שנים בעיניך ביום אתמול כי יעבור; דארט זענען טויזנט יאר און איין טאג גלייכגילטיק. דער עיקר איז, אז דער פראצעס פון לעבן ביי גראז און ביים מענטש איז דערזעלביקער. עס בליט, שפראצט און וואקסט. דאן וועלקט עס און עס פארשווינדט.

די סליחות בלייבן אבער נישט שטיין ביי דעם טרויעריקן סך־הכל. זיי ווייזן דעם מענטש אז פון א צווייטער זייט זענען מיר אים נישט ווי גראז, נאר ווי א גאנצער מושל בכיפה. ער איז אוועקגעשטעלט אין צענטער פון דער גאנצער שאפונג. די גאנצע וועלט עקזיסטירט נאר און בלויז צוליב דעם מענטש, וועלכער איז די קרוין פון דער יצירה.

עס איז דערפאר אוממעגלעך, אז מענטשלעך לעבן זאל מיינען בלויז דעם פיזישן, נישט עקזיסטירנדיקן און נישט אמתן פראצעס פון פארשווינדנדיקע ענדערונגען. לעבן האט נאך אן אנדערן מין אינהאלט, וועלכער איז נישט ווי גראז און נישט פארגענגלעך. יעדער מענטש קען לעבן מיט פערמאנענטקייט; מיט א לעבן וואס שמעקט מיט אן אומאייבערגעריסענער דויער. יעדער מענטש קען זיין אייגן לעבן אריינוועבן אין אן אומענדלעכן געוועב פון אייביקייט. וויאזוי? גאר פשוט! מען דארף בלויז האבן אן אידעע, א גייסט, מיט וועלכן און פאר וועלכן מען לעבט, דעמאלט פארקניפט מען דאס צייטווייליקע מיט דעם אייביקן.

אַט די פּאַרקניפּונג, די פּאַריינ־קונג פון דעם צייטווייליקן מיט דעם אייביקן, דאָס איז דער גאַנצער אינ־האַלט פון יידישער תורה און פון יידישן געדאַנקנגאַנג. יידן האָבן פון דער ערשטער מינוט אָן, זייט זיי עק־זיסטירן אַלס פאָלק, באַטראַכט דאָס מענטשלעכע לעבן אַלס אַ האַרמאָ־ניע פון קערפּער מיט גייסט צוזאַ־מען. קערפּערלעך לעבן אַליין איז ווי גראַז, און דערפאַר נישט מענטש־לעך. גייסטיק לעבן אַליין איז ווי אַ מלאך, און אויך נישט מענטשלעך. יידישע תורה לערנט, אז אַ ייד דאַרף זיין לעבן אַזוי איינצירכטן, אז דאָס קערפּערלעכע זאָל ווערן פאַרגייס־טיקט. קערפּער און גייסט טאָר נישט ווערן געטיילט אין צוויי באַזונדערע טיילן. אַ ייד טאָר זיך נישט איינ־רעדן, אז אין זיין גשמיותדיקן לעבן איז ער נישט מחויב צו דענ־קען וועגן גייסט, און אין זיין גייס־טיקן לעבן דאַרף ער נישט אין זי־נען צו האָבן זיין קערפּער. אַזאַ גע־דאַנק איז נישט יידיש. יידישקייט איז אַ לעבנסוועג, און לעבן מיינט קערפּער מיט גייסט צוזאַמען. גוויס טיילן אַפּ דאָס גשמיותדיקע פון דעם רוחניותדיקן. אין טאָגטעגלעכן קער־פּערלעכן לעבן, רעכענען זיי זיך נישט מיט קיין שום גייסטיקע פּרינ־ציפּן, און אין זייערע גייסט קרעל־גיעזע איבערלעבונגען, דענקען זיי נייעט פון גשמיות און קערפּערלעכ־קייט. מיר יידן האַלטן, אז דאָס איז פאַלש. יעדער לעבעדיקער מענטש, וואָס דענקט און פילט, קען נישט אונטערשיידן צווישן ריין קערפּער־לעכקייט און ריין גייסטיקייט. אַ מענטש, ווען ער האָט פרייד, פילט ער זי אין זיין גאַנצן וועזן; אין זיין גוף און אין זיין נשמה. דאָסזעלבע ווען ער האָט חלילה לייד, פילט ער זי אויך קערפּערלעך און גייסטיק. דער גוף פילט די שמערצן פון דער נשמה, און די נשמה פילט די פרייד פון דעם גוף. אנחה שוברת את הגוף, זאָגן חז"ל; פסיכישער טרויער צעברעכט דעם קערפּער. און פאַרקערט: קערפּערלעכע גע־זונטלעכקייט דערהויבט דעם גייסט.

כּליחות מאַכן אַ חשבון וועגן לעבן, און ברענגען צוגלייך ארויס דעם חשבון וועגן יידישקייט. דער חשבון וועגן יידישקייט לויטעט, אז דער ייד איז אַנדערש פון דעם נישט־ייד נישט בלויז בנוגע צו אַ געוויסן חלק פון לעבן; נישט בלויז בנוגע צו געוויסע געדאַנקען און טעאָריעס פון גייסטיקן כאַראַקטער, נאָר בכלל בנוגע צו אַלע פונקטן פון לעבן; אַזוי אין גשמיות ווי אויך אין רוחניות. ווי פאַלש איז די איינרע־דעניש, אַז דער חילוק פונם ייד ביז צום נישט־ייד איז נאָר מיט דעם, וואָס דער ייד גייט אין שוהל און להבדיל דער גוי אין קלויסטער. דאָס מיינט, אז ווען דער ייד פאַר־לאָזט די שוהל, און דער גוי להב־דיל דעם קלויסטער, זענען שוין קיין חילוקים מער נישט פאַראַן צווישן זיי. דאָס מיינט ווייטער, אז ווען דער ייד און דער גוי געפינען זיך אין גאַס, דעמאָלט דאַרף קיין חילוקים צווישן זיי נישט צו זיין. דאָס איז געווען אַמאָל אַ פּאַרפירע־

רישע פֿאַראָלע פֿון די אַלטע משכּי־לים, וועלכע האָבן געטענהט: הוי יהודי באהליך ואדם בצאתך. דאָס מיינט, אַז יידישקייט איז געבונדן נאָר מיט אַ געוויסן פּונקט. אָבער אין לעבן דאַרף מען זיין אַ מענטש מיט אַלע מענטשן גלייך. אויב דער ייד וואָלט געווען אַזאַ מין צעשפּאָל־טענע בריאה; אַ שטיקל ייד און געוויסע מאָמענטן און דרייפערטל גוי אין זיין גאַנצן לעבן, וואָלט באמת געווען אַ גרויס רחמנות אויף אַזאַ מין אומגליקלעכן צונויפשטעל. עס איז אָבער נישט אַזוי. יידיש־קייט אַנטהאַלט אין זיך די גאַנצע מענטשלעכקייט און דאַרף צום גוי גאָרנישט אָנצוקומען. דער יידישער באַגריף וועגן לעבן שטייט גאָר אַ כּך העכער פֿון דעם וועלטלעכן. יידישע קולטור, יידישע תורה און יידישער געדאַנקנגאַנג, גיבן דעם ייד אַ טיפֿן ענטפֿער אויף אַלע פֿראַגן אויף וועלכע די מענטשלעכע נשמה זוכט אַ תשובה. דער ייד דאַרף נישט קיין הילף פֿון דעם דרויסן כּדי רייכער צו מאַכן זיין לעבן.

דאָס איז דער חשבון וואָס כּלי־חות ברענגט אַרויס וועגן לעבן און וועגן יידישקייט. הלוואי וואָלטן מיר זיך אַביסל מער פֿאַרטראַכט אין דעם חשבון.

ראש־השנה·

אין מיינע אַרטיקלען אויף דער טעמע „יידישע פילאָזאָפיע”, האָב איך אַרויסגעבראַכט, אַז דער כאַראַקטער פון דעם יידישן געדאַנקענגאַנג באַשטייט אין זיין מאָניסטישן צוגאַנג צו אַלע פּראָבלעמען פון טעאָרעטישער אַקטיוויטעט. יידישע דענקער האָבן תמיד, ביים באַהאַנדלען פאַרשידענע געדאַנקען, דערבליקט אייביקייט און נישט טיילונג. יידישער מעטאָד פון אויפקלערונג באַשטייט אין עפּעס אַ מין צויבערקראַפט, וואָס שפּאַנט איין דעם אַנאַליז; דעם אַזויגערופענעם גרעסטן שונא פון דער איינהייט, און דורך אים שאַפט ער דעם סינטעז. אַנשטאָט אַנאַליז זאָל פירן צו טיילונג, פירט ער, אין יידישן געדאַנקענגאַנג, צו איינהייטלעכקייט.

אַט דער אופן פון יידישן דענקען, קומט אויך בולט אַרויס ביים יום־טוב פון ראש השנה.

בנוגע צו ראש־השנה, איז אין דער תורה קיין איינציק וואָרט נישט דערמאָנט וועגן זיין באַדייטונג, זיין מאָטיוו און זיין אינהאַלט. עס שטייט בלויז, אַז אין דעם ערשטן טאָג פון דעם זיבעטן חודש (תשרי), זאָל מען בלאָזן שופר.

דער יום־טוב פון ראש־השנה רופט זיך דערפאַר אויך: בכסא. ער איז באַהאַלטן, פאַרבאָרגן און פאַרשטעלט. נישטאָ קיין באַשטימטער, איין איינציקער באַגריף וועגן דעם אינהאַלט פון דעם יום־טוב. עס זענען פאַראַן אַ גאַנצע ריי פון מאָטיוון און באַדייטונגען פאַר ראש־השנה. אָבער כאָטש יעדער מאָטיוו איז אַ באַזונדערע זאַך פאַר זיך, בילדן זיי אַלע דאָך צוזאַמען, איין איינהייטלעכן אינהאַלט פאַר ראש־השנה. די פאַרשידענע דייטונגען זענען זיך נישט סותר איינע די צווייטע, נאָר פאַרקערט: אַלע צוזאַמען קלערן אויף דעם איינהייטלעכן מאָטיוו פון ראש־השנה.

צוערשט קומט, אַז ראש־השנה איז דער אָנהויב פון אַ ניי יאָר; ער איז אויך דער אָנהויב פון דער שאַפונג (תחילת מעשיך); דער אָנהויב פון דער מענטשהייט (אָדם הראשון איז געשאַפן געוואָרן אין ערשטן

טאָג פון תשרי); דער אָנהויב פון דעם יידישן שטאַם (אברהם אָבינו איז געבוירן געוואָרן אין ערשטן טאָג פון תשרי); דער אָנהויב פון דעם יידישן פאָלק (אין פסח זענען יידן צרויסגעגאַנגען פון מצרים, און ערשטן תשרי זענען זיי באַפרייט געוואָרן פון זייער שקלאַפן־אַרבעט); דער ערשטער יום־הדין (אָדם הראשון, איז געמשפּט געוואָרן אין ערשטן טאָג פון תשרי); דער טאָג פון משפט פאַר אַלעם אין דער וועלט (הרת עולם). פאַראַן נאָך אַ סך אַנדערע דייטונגען פאַר דעם טאָג. דאָס באַהאַנדלען פון יעדן מאָטיוו, אַליין און באַזונדער, פירט צו פאַרשידענע טעמיתים, ווייל אַלע זענען בלויז אויפקלערונגען, אָבער נישט אַליינקע איינהאַלטן פון ראש־השנה.

דער סוד פון אַט דעם מין געדאַנקנגאַנג געפינט זיך אין דער מסורה, אַז ביים באַרג סיני האָבן יידן געזאָגט: נעשה ונשמע. קודם איז געווען דער נעשה. קודם האָבן יידן אָנגענומען די באַפעלן פון דער תורה און יעדן נשמע און און יעדן אויפקלער. דאַן ערשט איז געקומען דער נשמע. דאַן ערשט איז בעל פה געזאָגט געוואָרן פאַרשידענע דייטונגען, וועלכע האָבן צוזאַמען אויפגעקלערט דעם נעשה. וואָלטן יידן געווען פאַרלאַנגט קודם נשמע; קודם אַן אויפקלער וואָלט דער נעשה געווען אַ קאָנסעקווענץ פון דעם נשמע, און יעדער באַפעל וואָלט געווען באַדאַרפט האָבן אַ געוויסן מאָטיוו. אַנדערש אָבער ווען דער נעשה איז געקומען קודם, און אַ נשמע, איז דער אויפקלער מער נישט קיין אורזאַך, קיין טובה פאַר דעם נעשה, נאָר איז אַ פרייער צוגאַנג פון אַריינגעבן פאַרשידענע מאָטיוון פאַר די גאַנץ אָמאָפּהענגיקע באַפעלן פון דער תורה.

* * *

פון די גאָר עלטסטע צייטן שטאַמען אַזוי דער נוסח, ווי אויך די איינטיילונג פון די תקיעות און פון די תפילות אין ראש־השנה. זיי טיילען זיך אין מלכות, זכרונות און שופרות.

צוערשט קומט מלכות; די פּראָקלאַמירונג פון גאָט אַלס שעפער, הערשער און רעגירער פון אוניווערס, וועלט און מענטש.

אָט די פּראָקלאַמירונג איז נישט בלויז קיין טעאָרעטישע, נאָר פּילמער אַ לעבנס־נויטווענדיקע, אַ לעבנס־באַדינגונג. אָן איר איז קיין לעבן נישטאָ.

אַ יאָר איז אַוועק און האָט מיט זיך מיטגענומען אַ שטיק פון אונזער לעבן. ווער פון אונז קען זיך באַרימען, אַז אויף דעם שלאַכטפעלד און אין דעם קאַמף וואָס רופט זיך לעבן, איז ער — אין פאַרגאַנגענעם יאָר — ערגיץ ווו נישט פאַרוונדעט געוואָרן? קודם כל איז דער לעבנס־קאַפּיטאַל ביי יעדן פאַרקלענערט געוואָרן מיט אַ יאָר. דאַן האָט איינער פאַרלוירן איינעם פון זיינע טייערע לעבנס־באַגלייטער. אַ צווייטער האָט באַקומען

עפּעס אַ נייע זאָרג; אַ דריטער, אַ זעעליש בענקען און שטרעבן צו עפּעס וואָס ער האָט נישט; אַ פערטער, אַ שמערץ אין זיין קערפּער; אַ פינפטער, אַ וויטיק אין זיין נשמה.

דאָס אַלץ מוז אַרויסברענגען דעם געדאַנק פון: מה אני ומה חיי; ווער בין איך און וואָס איז מיין לעבן! פאַראַן אַ סך וואָס זאָגן זיך, אַז זיי ווילן פון דעם אַלעם נישט וויסן. זיי פאַרמאַכן די אויגן און ווילן אויף דעם אַלעם נישט קוקן. אָבער דאָס לעבן איז שטאַרקער פון זיי. דאָס לעבן וויל באַין אופן זיך נישט לאָזן פאַרקוקן. עס חשבון'ט. עס מאָנט. עס גריבלט. מאַכטלאָז שטייט דער מענטש אין לעבן.

נאַטור איז עס, זאָגן אַנדערע. דער מאָדערנער מענטש האַלט, אַז נאַטירלעכע קרעפטן הערשן און רעגירן אין לעבן. מען פאַרגעסט דערביי, אַז אַזאַ מיינונג איז כלל נישט מאָדערן. זי איז פּשוטער, אַלטער געצנדינסט. אָנערקענען נאַטור־כוחות מיינט צוגלייך: זיך לאָזן פירן פון זיי, דינען צו זיי, און זיין פאַרשקלאַפט צו זיי. אַוווּ איז דאָ דער מאָדערניזם און די חכמה? חיות זענען אויך אונטערלעגן די כוחות פון דער נאַטור. דער רמב"ם באַטאָנט אויף זייער אַ סך ערטער, אַז די אַלטע געצנדינער האָבן זיך קיינמאָל נישט געבוקט צו די שטיינערנע אָדער אַנדערע מיני אויסגעהאַקטע פיגורן, נאָר צו די סמבאָלן פון נאַטירלעכע כוחות וואָס די פיגורן האָבן פאַרגעשטעלט. די פאַרגעשריטענע מענטשן האָבן די זעלביקע סימבאָלן (אָנשטאָט אין פיגורן) פאַרקליידעט אין געוויסע טעאָריעס און שיטות. אָבער דאָס ענדערט נישט דעם פאַקט, אַז דינען צו נאַטור סימבאָלן איז געצנדינסט.

וואָס איז די יידישע וועלט־אָנשויאונג? דער מאָן פון דעם שופר דערמאָנט אונז אַז לעבן איז נישט אָפּהענגיק פון בלויז בלינדער נאַטור. דער שופר וועקט ביי אונז געפילן פאַר וואונדערלעכע דערשיינונגען וואָס פאַסירן אין לעבן, און קענען באַין אופן נישט דערקלערט ווערן מיט בלינדער נאַטור. העכערע געפילן פון לעבן און גייסטיקע עמאָציעס וואָס מיר לעבן איבער, איבערצייגן אונז אַז לעבן איז נישט בלויז קאַלטע נאַטור. לעבן פאַרמאָגט אין זיך סובלימע, גייסטיקע, מיט געטלעכקייט געבונדענע מאָמענטן. מען דאַרף נאָר נישט אָנהייבן זוכן געטלעכקייט אין דרויסן. זאָל יעדער, אין מאָמענט פון איבערגאַנג אין צייט, זוכן אין זיך אַליין; אין די פאַרבאָרגענע ווינקעלעך פון זיין אייגן האַרץ; דאָרט, וועט ער זיכער געפינען: געוויסן, פאַראַנטוואָרטלעכקייט און פאַרבינדונג מיט כוחות, וועלכע שטייען העכער פון נאַטור.

אָבער יידישקייט באַזירט זיך נישט בלויז אויף געפיל אַליין, נאָר אויף ביידע: אויף געפיל און אויף געדאַנק. דער שופר ציטערט אויף די איידעלע געפילן פון אונזער האַרץ; די תפילות און די פסוקים,

רעדן צו אונזער גייסט. צוזאַמען, ברענגען זיי דעם ייד צו מלכות; צו דער אַנערקענונג אַז עס איז פאַראַן אַ ג־טלעכע השגחה. נאָר זי, פּירט אָן מיט דעם לעבן, און נאָר זי, שיצט אין לעבן. נעגאַטיווע דערשיי־נונגען ווערן אויסגעגליכט מיט דער אייבּקער, גערעכטער, ג־טלעכער אָנ־פירונג פון אַלעם וואָס קומט פאָר אין לעבן.

נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון מלכות, קומען די זכרונות. עס גייט גאָרנישט פאַרלוירן. עס איז פאַראַן אַ ספר הזכרונות. נאַטור קען בלויז די צוויי באַגריפן: אויפהאַלט און פאַרניכטונג. אָבער זי ווייסט נישט וואָס עס הייסט גוט און וואָס עס הייסט שלעכט. מענטשלעך לעבן איז דערפאַר נישט קיין פּראָדוקט פון נאַטור. אפילו אין זיך אַליין טראָגט דער מענטש אויך אַ פאַצייכנונג פון זיינע גוטע מעשים און פון זיי־נע שלעכטע האַנדלונגען. די גוטע, ברענגען אים גליקזעליקייט; די שלעכטע, — געווויסנספּלאָגן.

נישט בלויז יחידים, נאָר גאַנצע פעלקער, פאַרמאָגן זכרונות. דאָס, איז געשיכטע. קולטור געשיכטע לער־רענט, אַז די ערשטע מענטשן, די וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין פעסטע באַגריפן וועגן גוט און שלעכט, זיי האָבן קיין זכרונות נישט געהאַט און קיין היסטאָריע נישט פאַרשרבן. אפילו די מענטשן וועל־כע זענען קולטורעל געשטאַנען גע־נוג הויך. זיי האָבן געהאַט קינסט און מוזיק, אָבער קיין היסטאָריע האָבן זיי נישט געהאַט. ערשט מיט דער יידישער געשיכטע פון נח און אברהם, האָט זיך אָנגעהויבן די מענטשלעכע היסטאָריע, וועלכע ווערט רעגירט און געפירט דורך עטישע און מאָראַלישע אויפפירונ־גען אין לעבן. די באַאורטיילונג ווע־גען גוט און שלעכט, איז דער יסוד פון דער היסטאָריע. ביים ליכט פון אַזאַ באַאורטיילונג קומען מיר צו דער איבערצייגונג, אַז עס איז פאַ־ראַן אַ געוויסע מאָראַלישע אָרדנונג און לייטונג אין לעבן פון יחידים און פון פעלקער. יידישע נביאים זענען די ערשטע געווען, אין דער מענטשהייט, וועלכע האָבן אַזוי דעם ייד, ווי אויך דעם מענטש בכלל, אָנגעוויזן אויף דעם גרויסן כוח פון דער מאָראַלישער עטישער אָרדנונג אין דעם לעבן פון מענטש און פאָלק.

דער ספר הזכרונות, די היסטאָ־ר ע, דערציילט אונז אויך, אַז דאָס יידישע פאָלק פאַרמאָגט עפּעס אַ גאָר באַזונדערע געשיכטע. זיין לאַנד האָט ער צוויי מאָל פאַרלוירן און אין דער גאַנצער וועלט געוואָרן צע־שפּרייט. געפּלאָגט און גערודפט; גע־פּייניקט און געמאַטערט, האָט ער תמיד אומעטום געפּרעדיקט אייביק־אמתדיקע פּרינציפּן פון מאָראַל און גערעכטיקייט, פון עטיק און פון יושר. מיר פאַרענדיקן די זכרונות מיט דעם באַוווסטזיין, אַז: אין שכחה לפני כסא כבודך. די לעבנס־געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק וועט

נישט פארגעסן ווערן און נישט פארלוירן גיין.

פון די זכרונות גייען מיר איבער צו שופרות. זכרונות לערנען אונז, אז אין דעם מענטשלעכן לעבן דעציידירן די באגריפן וועגן גוט און שלעכט. מענטשלעך לעבן באשטייט בעיקר פון אויפפיר, געדאנק, געפיל, גליקלעכקייט און גענוגטואונג. אויב אזוי, מוז לעבן האבן א געוויסע ריכט־ליניע; א שנור, לויט וועלכן עס דארף זיך וויקלען. דער מענטש אליין איז נישט באַרעכטיקט זיך צו שאפן קיין געזעצן פון לעבן. פארשידן זענען מענטשן, און פארשידן קענען זיין אויך די מיינונגען פון מענטשן בנוגע צו גוט און שלעכט. שוין דער ערשטער מענטש האט זיך צופיל פארלאזט אויף זיין אייגענעם: דעת טוב ורע; אויף זיין אייגענעם אורטייל וועגן גוט און שלעכט. ער האט זיך פארזינדיקט און פארלוירן זיין לעבנסוועג.

לעבנס־געזעצע קען דערפאר נישט זיין קיין מענטשלעכע שאפונג. פון געטלעכקייט קומט עס. מיט שאלונג פון שופר איז א געטלעך געזעץ, פון בארג סיני, אין דעם גאנצן וועלט־רוים אריינגערעדט געווארן. אין זיבעציק שפראכן איז עס גע־הערט געווארן. פאר דער גאנצער מענטשהייט איז עס אנגעזאגט גע־ווארן.

מלכות, זכרונות און שופרות, זענען איין זאך. ג־ט, וועלט, מענטש, ייד, געריכט און אורטייל, זענען גע־בונדן צוזאמען. זיי בילדן אן איינהייטלעכן אינהאלט פון ראש־השנה. זאל דער אורטייל, אין דעם היי־יאריקן ראש־השנה, זיין פאר אונז אלעמען, לאלתר לחיים טובים ולשלום, מיט ברכה והצלחה און א גאולה שלימה. אמן.

יום־כיפור

כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר
אתכם מכל חטאתיכם.
ווייל אין דעם טאָג, וועט ער אייך
פאַרגעבן, כדי אייך צו רייניקן
פון אייערע זינד.

אַלע באַדאַרפן מיר פאַרגעבונג. נישטאָ קיין מענטש אין דער וועלט וועלכער זאָל קענען באַהויפּטן, אַז ער איז פולקאָם ריין און האָט נישט קיין חטאים. דער כהן גדול האָט אין יום־כיפור געהאַט די אויפגאַבע צו טאָן די עבודה, כדי די יידן צו רייניקן פון זינד. אָבער איידער ער האָט דערמאָנט די זינד פון די יידן, האָט ער געמוזט, קודם כל, זיך אַליין רייניקן פון זיינע אייגענע זינד.

מערקווירדיק! קיין וועלטלעכער פסיכאָלאָג האָט נישט באַוויזן אַריינצודרינגען אַזוי טיף אין דער מענטשלעכער פסיכיק, ווי אונזערע חכמים. קיינער האָט דעם ענין פון זינד נישט אַזוי קלאָר אַרויסגעבראַכט ווי אונזערע חכמים האָבן דאָס געטאָן נאָך מיט טויזנטער יאָרן צוריק.

אַ גאָר הויכע מיינונג האָבן מיר יידן פון תמיד געהאַט וועגן דעם מענטש. אַלס דעם מבחר היצירה האָבן מיר אים באַטראַכט. מיר האָבן קיינמאָל נישט געהאַלטן, אַז דער מענטש ווערט געבוירן באַלאַסטעט מיט אַ דראַנג צו זינד. שוין דער באַגריף „זינד" אַליין, איז פון אַ העכערע מדרגה. חיות ווייסן נישט פון קיין זינד. דער מענטש איז אַ קאָמבינאַציע פון צווייערליי שטרעבונגען. נאָר ביידע צוזאַמען שטעלן צונויף די וועזנטלעכקייט פון דעם מענטש. פון ערד איז דער מענטש געשאַפן און אַ ג־טלעכע געשטאַלט טראָגט ער אין זיך. מענטשלעך לעבן איז אַ פאַרייניקונג פון ערדישקייט און ג־טלעכקייט. קיין מענטש קען נישט און טאָר נישט לעבן בלויז מיט איין שטרעבונג. בלויז מיט ג־טלעכקייט, ווערט מען אויס מענטש (מען ווערט אַ מלאך). בלויז מיט ערדישקייט, ווערט מען

איים מענטש (מען ווערט א חיה). דערפאר דער אייביקער קאמף אין דעם מענטשלעכן לעבן; דערפאר די זינד וואס קומען פאר אין מענטש־לעכן לעבן.

אונזערע חכמים האבן די מענטש־לעכע זינד איינגעטיילט אין פיר־ערליי קאטעגאריעס:

1) נישט אויספירן קיין געבאטן פון ג־טלעכן און גייסטיקן כאראק־טער. צומאל פארנאכלעסיקט דער מענטש צו דערפילן חובות וועלכע ער האט פאר דער ג־טלעכקייט און גייסטיקייט וואס ער טראגט אין זיך. (מצוות עשה).

2) דאס אפטאן פון פארבאטענע מעשים. צומאל פירט דאס ערדישע אין דעם מענטש דערצו, אז ער טוט אפ א זאך וואס דאס ג־טלעכע און דאס גייסטיקע אין אים האלט דאס פאר פארבאטן און נישט דערלויבט. (מצוות לא תעשה).

3) דאס אפטאן פון פארבאטענע מעשים, וועלכע עקזיסטירן תמיד און בלייבן פאר תמיד שטיין פאר די אויגן. פאראן מעשים אזעלכע, וועלכע מען קען מער נישט פארריכ־טען, זיי באשמוצן אויף אייביק דאס ג־טלעכע און דאס גייסטיקע וואס דער מענטש טראגט אין זיך אליין. (חייבי כרתות ומיתות בית דין).

4) חילול השם. פארשוועכונג פון ג־טס נאמען. בייזוויליקע פארלייקע־נונג פון יעדער ג־טלעכקייט אין דעם מענטש. דעמאנסטראציע אז דער מענטש איז נישט מער ווי א אינ־טעליגענטע חיה. דאס איז די נידע־ריקסטע מדרגה פון מענטשלעכע זינד. (פורק עול).

* * *

אין איינקלאנג מיט דער גראדו־אירטער קלאסיפיקאציע פון זינד, האבן אונזערע חכמים אויך אוועק־געשטעלט א קלאסיפיקאציע פון פיר־ערליי מיינונגען וועגן פארריכ־טען פון זינד.

חז״ל זאגן: שאלו לחכמה; מען פרעגט ביים פארשטאנד וואס פאר א שטראף קומט דעם וואס זינדיקט. די חכמה, דער פארשטאנד, ענט־פערט: חטאים תרדוף רעה. די זינ־דיקע ווערן גע׳אגט פון שלעכטס. מען פרעגט די נבואה וואס פאר א שטראף קומט אויף דעם וואס זינ־דיקט. די נבואה ענטפערט: א זינ־דיקע זעל שטארבט אפ. מען פרעגט די תורה, וואס פאר א שטראף קומט דעם וואס זינדיקט. די תורה ענט־פערט: זאל ער ברענגען א קרבן, און די זינד וועט פארגעבן ווערן. מען פרעגט ביים רבונו של עולם, וואס פאר א שטראף קומט דעם וואס זינדיקט. דער רבש״ע ענט־פערט: זאל ער תשובה טאן און עס וועט אים פארגעבן ווערן. (ירושל־מי מכות).

נישט קיין באזונדערע, געטיילטע מיינונגען, האבן חז״ל דא אוועקגע־שטעלט. עס קען נישט זיין קיין מיי־נונגס־פארשידנקייט צווישן חכמה און נבואה. אויך נישט צווישן תורה

און דעם רבש״ע. די מיינונג פון נבואה לייקנט נישט אָפּ די מיינונג פון חכמה. די מיינונג פון תורה לייקנט נישט אָפּ די מיינונגען פון נבואה און חכמה. זיכער לייקנט דער רבש״ע נישט אָפּ די מיינונג פון תורה.

מיר יידן, האָבן אַ מאָניסטיש בליק אין אַלע פראַגן וועלכע מיר באַהאַנדלען. די פון חז״ל געשילדערטע מיינונגען זענען גראַדואירונגען פון געדאַנקען און געפילן, וואָס אַ זינדיקער לעבט איבער. נאָר די באַוווסטזיניקייטן פון די פיר־ערליי איבערלעבונגען רייניקן דעם זינדיקער און ברענגען אים פסיכישע דערהויבנקייט.

ווי איך האָב פריער דערמאָנט, זענען פאַראַן פיר־ערליי זינד. אָנגעהויבן פון פאַרנאַכלעסיקן און נישט אויספירן קיין גייסטיקע געבאָטן, ביז צו דער נידעריקסטער מדרגה פון אָפּלייקענונג פון יעדער ג־טלעכקייט און גייסטיקייט אין דעם מענטש. דערפאַר זענען אויך פאַראַן פיר־ערליי מענטשלעכע איבערלעבונגען. אָנגעהויבן פון דעם אייגענעם, איינערלעכן געוויסן, ביז צו דער העכסטער מדרגה פון אָנערקענען די ג־טהייט און הערן די ג־טלעכע שטימע וואָס רופט: טוט תשובה און די זינד וועלן פאַרגעבן ווערן.

אַ מענטש וועלכער איז אַריינגעלאָזט אין ערדישקייט און אין מאַטעריאַליזם, קען מיט איין מאָל נישט דערהערן קיין ג־טלעכע שטימע. ער קען אָבער שטופנווייז דערצו קומען. די ערשטע מדרגה פון זיך דערהויבן פון נידעריקייט איז אָנצוווענדן חכמה. יעדער מענטש פאַרמאָגט אַ שכל, וועלכער אָפּערירט מיט חכמה, מיט פאַרשטאַנד און מיט לאָגיק. אַט דער מענטשלעכער שכל דיקטירט די פשוטע לאָגיק, אַז אַ מענטש האָט געוויסע גייסטיקע פליכטן. ער קען נישט לעבן ווי אַ חיה און זיך באַגנוגענען בלויז מיט די פיזישע הצטרכותן. אויב אַ מענטש לעבט מיט בלויז ערדישקייט און קערפערלעכקייט, איז ער זייער אומגליקלעך אין זיין לעבן. ער האָט קיין שום גייסטיקע סאַטיספאַקציע נישט. דער ריינער שכל פון דעם מענטש זאָגט אים, אַז חטאים תרדוף רעה. אין דעם מענטשלעכן לעבן עקזיסטירט אורזאַך און קאָנסעקווע־ץ. אַריינלאָזן זיך אינגאַנצן אין גשמיות, איז זיך פריער אָדער שפעטער נוקם אין לעבן. נישט בלויז קיין אַבסטראַקטער שכל אָדער טעאָריע איז עס, נאָר טאַקע פאַקטישע דערפאַרונג. מען איבערצייגט זיך, אַז מיט אַזאַ מין אומבאַרעכנט לעבן, ברענגט מען אַליין אויף זיך שלעכטס.

אַ מענטש וועלכער פאַרטראַכט זיך שכלדיק אין אַזעלכע געדאַנקען, בלייבט נישט שטיין בלויז ביי זיין אַליין. נאָך אַזעלכע געדאַנקען מוז מען קומען צו אַ העכערע מדרגה. אויסער דעם קאַלטן אויסגערעכנטן שכל, פאַרמאָגט יעדער מענטש אין זיך אויך אַ העכער געפיל פון איידל־

קיים. דער גופיל גרעניצט זיך מיט פּאָעטישקייט און מיט נבואה, וואָס מיינט דערהויבנקייט. נישטאָ קיין מענטש אין דער וועלט וועלכער זאָל קענען אָפּלייקענען און באַהויפּטן, אַז ער האָט אין זיין לעבן קיינמאָל — אפילו איין מאָל נישט — געהאַט אַ רגע פון אזאַ מין דערהויבונג. נישט אמת וואָלט אזאַ באַהויפּטונג געווען, ווייל דער תמצית פון דעם מענטשלעכן לעבן איז נישט בלויז לאָגיק, נאָר אויך סובלימע העכערע אימפּולסן פון נשמהדיקן כאַראַקטער. פּונקט אַזוי זענען די דערהויבענע מאָמענטן פון יעדן יחיד, שלוחים פון אַן אַ בערנאַטירלעכער העכערער וועלט. אין אַזעלכע מאָמענטן, דערפילט מען די שבת־יום־טובדיקייט פון לעבן. אין אַ רגע פון אזאַ געפילפולער דערהויבונג, איבערציינגט זיך דער מענטש אין דעם אמת, אַז אויב ער פאַרנאַכלעסיקט זיינע גייסטיקע הצטרכותן, טויטעט ער בידים אַליין אָפּ זיין גייסט. ער איבערציינגט זיך אין דעם: הנפש החוטאת תמות; ביסלעכווייז שטאַרבען ביי אים אָפּ זיינע העכערע עמאָציעס; סוקסעסיוו פאַרלירט ער דאָס העכערע אין דעם לעבן. ער ווערט פאַרשטיינערט און פאַרגליווערט. כל־נדרי גיט יעדן ייד די געלעגנהייט צו קענען איבערלעבן אַזאַ דערהויבענעם מאָמענט.

אָבער אויך דאָס איז נאָך נישט גענוג. עס איז נישט גענוג דער שכל, וואָס ווייזט, אַז זינד זענען זיך נוקם. עס איז אויך נישט גענוג דער דערהויבענער מאָמענט וואָס איבערציינגט אין דעם פאַרלוסט פון גייסטיקייט. דאָס זענען נאָר וואָרנונגען וועגן די קאָנסעקווענצן פונם בלויזן גשמיות־דיקן לעבן. אָבער, וואָס איז צו טאָן? וויאַזוי זאָל מען זיך איינריכטן דאָס לעבן אַז מען זאָל זיך נישט דאַרפן רעכענען מיט קיין דראָאונגען פון דעם שכל און נישט מיט קיין דער־נידערונגס־געפיל אין אַ מאָמענט פון דערהויבנקייט? דערצו איז פאַראַן איין עצה: מאַכן נאָך אַ שריט ווייטער און זיך באַקענען מיט תורה. תורה באַפאַסט זיך נישט מיט זינד, אַליין פאַר זיך. זי באַפאַסט זיך נישט מיט דער וועזנטלעכקייט פון זינד. תורה ווייזט בעיקר אָן דעם ריכטיקן וועג אויף וועלכן אַ ייד דאַרף צו גיין כדי צו לעבן אי אַ שכלדיק און אי־אַ דערהויבן לעבן.

צו כל־נדרי נעמען מיר ארויס אַלע ספרי־תורות פון אָרון הקודש. מיר טראָגן צו צו יעדן ייד די תורה. מיר זאָגן דערמיט: הער אויס דו ייד! אויב עס קרענקען דיך דיינע געדאַנקען; אויב עס פּלאָגט דיך דיין געוויסן, אָט האָסטו אַ רפואה. תורה איז אַ סם חיים. זי וועט דיר אָנווייזן דעם ריכטיקן וועג פון לעבן. דער וועג פון דער תורה איז: יביא קרבן ויתכפר. אויב דער ייד וויל לעבן אַ ריכטיקן לעבן, מוז ער וויסן, אַז ער דאַרף צו זיין גרייט אויך אויף קרבנות. מען מוז זיין פעאיק אויף זיך צו קענען אָפּזאָגן פון אַ סך באַגערן און פאַרלאַנגען וועלכע נאָרן

אַפּ און רעדן איין אז זיי ברענגען פארגעניגן.

מען דאַרף ברענגען קרבנות פון גשמיותדיקייט לטובת גייסטיקייט קרבנות זענען פאַראַן פאַרשידענע. פאַראַן קרבנות חובה און קרבנות נדבה. פאַראַן קרבנות, וואָס יעדער ייד אַלס ייד מוז זיי ברענגען, און פאַראַן אזעלכע וואָס יידן ברענגען אליין פון זייער אייגענעם ווילן. אָבער אָן קרבנות איז נישטאָ קיין מענטשלעכקייט און אוודאי נישט קיין יידישקייט.

אויך ביי דעם בלייבט עס נישט. דער ייד וואָס האָט אַדורכגעמאַכט דעם פּראָצעס פון שכלדיקן חשבון; פון געפילפולער דערהויבנקייט און תורהדיקן אויפקלער, בלייבט נישט שטיין ביי דעם. צוקומענדיק צו תורה, דערהערט ער שוין אין זיך אַליין די ג־טלעכע שטימע, וואָס רופט צו אים: יעשה תשובה ויתכפר: תורה רעדט מיט אַ מענטשלעכער שפּראַך (דברה תורה בלשון בני אדם). פון מענטשלעכן שטאַנדפּונקט אויב מען פאַרציכטעט אַמאָל פון גשמיות, איז עס אַ גרויסער קרבן. מען זאָגט זיך, הייסט דאָס, אָפּ פון אַ גוטע זאַך און מען איז זיך מקריב לטובת רוחניות. אָבער פון ג־טלעכן שטאַנדפּונקט איז פּונקט פאַרקערט: דאָס פאַרנאַכלעסיקן פון גייסטיקייט לטובת גשמיות, איז דער גרעסטער קרבן וואָס אַ מענטש ברענגט אין זיין לעבן. ער איז מקריב זיין וועזענטלעכקייט פאַר הבל הבלים. דער רבש״ע רופט צו תשובה. תשובה מיינט צוריקקער. די ג־טלעכע שטימע דערמאָנט דעם ייד, אז אָפּזאָגן זיך פון גשמיות לטובת רוחניות, איז גאָר קיין קרבן נישט. אַ גרעסערער קרבן איז דאָס, וואָס יידן זענען מקריב אַלע זייערע הייליקייטן און אידעאַלן אויף דעם מזבח פון גשמיות און קערפּערלעכקייט. תשובה מיינט: צוריק צום אמתן ציל פון לעבן.

דאָס, איז דער אינהאַלט פון יום־כיפּור.

סוכות

למען ידעו דורותיכם כי בסוּ־
כות הושבתי את בני ישראל
בהוציאי אותם מארץ מצרים.
כדי אייערע דורות זאָלן וויסן,
אַז איןביידלעך האָב איך גע־
מאַכט זיצן די קינדער פון ישראל,
ווען איך האָב זיי אַרויסגעצויגן
פון לאַנד מצרים.

(ויקרא כ״ג מ״ג)

דער יום־טוב פון סוכות, דער־מאָנט אין דעם לעבן פון די יידן, נאָך זייער באפרייאונג פון מצרים. ער דערמאָנט אין דער צייט ווען דאָס יידישע פאָלק האָט געוואַנ־דערט גאַנצע פערציק יאָר אין דער מדבר און געוווינט אין ביידלעך.

אין אונזער גמרא איז פאַראַן א גרויס מחלוקת צווישן צוויי פון אונזערע גרעסטע תנאים, רבי אליעזר און רבי עקיבא, וועגן דער באַדייטונג פון דעם וואָרט סוכות. רבי עקיבא זאָגט, אז סוכות ממש. עס מיינט, פשוטע ביידלעך. יידן האָבן געוואַנדערט אין דער מדבר פון אָרט צו אָרט. זיי האָבן כסדר מיט זיך מיטגעפירט געצעלטן, ביידלעך אזעלכע, אין וועלכע זיי האָבן געוווינט אין יעדן פלאַץ וווּ זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט. אלס זכר פון יענע געצעלטן, זיצן מיר יעדעס יאָר זיבן טעג אין סוכות. רבי אליעזר זאָגט, אז סוכות מיינט נישט קיין פיזישע געצעלטן, קיין ביידלעך, נאָר עס מיינט, ענני כבוד; ג־טלעכע וואָלקנס וועלכע האָבן די יידן געשיצט די גאַנצע פערציק יאָר ווען זיי האָבן געוואַנ־דערט אין דער מדבר.

אין איינער פון מיינע הלכה'שע אָפּהאַנדלונגען האָבן איך אויפגע־וויזן, אז ריכטיק איז די גירסא פון תורת כהנים, וואָס ברענגט פאַר־קערט, אז ר׳ אליעזר האָט געהאַלטן

סוכות ממש און ר׳ עקיבא איז גע־ווען דער וואָס האָט געזאָגט ענגי כבוד. להלכה, פסק׳נען מיר טאַקע דערפאַר אַזוי ווי רבי עקיבא, אַז עס מיינט ג־טלעכע וואָלקנס. מיר פייערן דעם יום־טוב פון סוכות כדי צו דערמאָנען אַז די יידן זענען געווען כסדר אַרומגערינגלט מיט ג־טלעכע וואָלקנס, וועלכע האָבן זיי באַשיצט פון אַלע זייטן.

חז״ל האָבן מיט זייער טיפן אויג אַריינגעבליקט אין די געהיימ־נישן פון דעם יידישן קיום. זיי האָ־בען אויסגעפונען, אַז געצעלטן און ביידלעך זענען נאָך נישט קיין גאַ־ראַנטיע פאַר קיום. אפילו ווען מען באַגנוגט זיך מיט פּראָוויזאָרישע געצעלטן, איז דאָס נאָך נישט קיין גאַראַנטיע פאַר עקזיסטענץ. יידן האָבן דעמאָלט געהאַט ג־טלעכע שוץ. זיי האָבן געהאַט ענני כבוד; אַ ג־טלעכע מאַכט וואָס האָט זיי געשיצט פאַר זייערע שונאים. חז״ל באַמערקן, אַז דערפאַר האָט די תו־רה אונז געהייסן זיצן גאַנצע זיבן טעג אין סוכה, ווייל יידן האָבן דעמאָלט געמוזט האָבן און האָבן אויך געהאַט זיבן פאַרשידענע ג־טלעכע וואָלקנס, וואָס האָבן זיי געשיצט.

קודם האָבן יידן געמוזט האָבן פיר וואָלקנס פון אַלע פיר זייטן, וואָס זענען פאַראַן אין דער וועלט. פון אַלע זייטן פון דער וועלט, פון מזרח, פון מערב, פון צפון און פון דרום, זענען געשטאַנען די יידישע שונאים. פון אַלע זייטן האָבן זיי געצילט זייערע פאַרניכ־טונגס־געווערן אַקעגן דעם ייד. אומ־זיסט, אומנישט, האָבן זיי געוואָרפן זייערע הצים ואבני בלוסטראות; זיי־ערע שאַרפע פיילן אַקעגן יידן. נאָר ג־טלעכע וואָלקנס, פון אַלע זייטן פון דער וועלט, האָבן געשיצט אַ יידן זאָלן נישט געשעדיקט ווערן פון אַלע פיילן און אַלע שטיינער.

גייענדיק אין אַ מדבר, איז אָבער נישט גענוג קיין שוץ פון אַלע זייטן. אין אַ מדבר איז פאַראַן אַ געפאַר, אויסער פון די פיר זייטן, אויך פון אויבן. אין אַ מדבר ברענט געפערלעך די זון. יידן האָבן געקענט פאַרברענט ווערן פון דער הייסער זון וואָס האָט געברענט אי־בער זייערע קעפּ. דערפאַר האָבן זיי געמוזט האָבן נאָך אַ פינפטן וואָל־קען, וואָס האָט זיי געשיצט פון די הייסע שטראַלן, וועלכע זענען גע־קומען פון אויבן.

אָבער מיט די פינף וואָלקנס, זע־נען זיי אויך נאָך נישט געווען גע־זיכערט. יידן האָבן געוואַנדערט אין אַ מדבר. נישטאָ דאָרט קיין וועג און קיין שטעג. יידן האָבן געהאַט אַ ציל. זיי האָבן געדאַרפט דערגרענטערן זיך צו זייער ציל. אָבער מיט וועלכן וועג גייט מען? וועלכער וועג פירט צו זייער ציל? זיי האָבן דערפאַר געמוזט האָבן נאָך אַ זעקסטן וואָלקן, וועלכער איז געגאַנגען פאַרויס און אָנגעצייכנט פאַר זיי דעם וועג און די ריכטונג וואוהין צו גיין.

אויך דאָס איז נאָך נישט געווען גענוג. אין אַ מאַרש ווערן אַ סך אָפּגעשוואַכט. נישט אַלע קענען מיטמאַכן דעם שטראַפּאַץ פון מאַרשירן. אַ סך זענען מיד געוואָרן און געבליבן הינטערעטעליק. עס איז דערפאַר געווען אַ זיבעטער וואָלקן, וועלכער איז נאָכגעגאַנגען פון אונטן. ער האָט אויפגענומען אַלע מידע, שוואַכע און געבראָכענע. ער האָט זיי פאַריניקט מיט דעם גאַנצן כלל און זיי נישט געלאָזט גיין פאַרלוירן פון דעם גאַנצן כלל.

אזוי, — שילדערן חז״ל, — האָט אויסגעזען דער מדבר־ציג פון יידן. מיט ג־טלעכן שוץ פון אַלע פיר זייטן פון דער וועלט, מיט אַ וואָלקן איבער די קעפּ, מיט אַ וועג־ווייזער פאָרויס און מיט דער הילף פאַר די שוואַכע און צוריקלעבליבענע, האָבן יידן געוואַנדערט און ענדלעך דערגרייכט זייער ציל. זיי זענען געקומען אין זייער אייגן לאַנד אַריין.

* * *

ווי אמת און ווי וווּנדערלעך איז די דערמאָנטע אויסטייטשונג פון דעם זיבן־טאָגיקן יום־טוב סוכות. מיר מוזן מודה זיין, אַז נישט בלויז דעמאָלט, אין יענער מדבר, נאָר אויך אין אונזער לעצטן צוויי טויזנט יאָריקן גלות, האָבן מיר געהאַט זיבן ג־טלעכע וואָלקנס, וועלכע האָבן אונז געשיצט. זיי, די ג־טלעכע וואָלקנס, האָבן אונז באַגלייט אין אונזער גאַנצן גלות־מאַרש, און נאָר אַ דאַנק זיי האָבן מיר דערלעבט צו אונזער היינטיקער מדינת־ישראל.

פון אַלע פיר זייטן פון דער וועלט, אין מזרח, אין מערב, אין צפון און דרום, זענען זיי געשטאַנען, אַלע אונזערע שונאים. איבעראַל ווו מיר האָבן זיך באַזעצט, האָבן מיר תמיד אָנגעטראָפן אין אומזיסטע שונאים, וועלכע האָבן געצילט אויף אונז פאַרשידענע פייַלן און שטיינער, בלבולים און פּאָגראָמען, אינקוויזיציעס און גירושים. מיט דעם פּשוטן שכל איז באין אופן נים צו פאַרשטיין, ווי־אַזוי דאָס שוואַכע, נישט באַוואָפנטע פאָלק איז דאָך געבליבן לעבן. עס האָט אפילו איבערלעבט אַזאַ מין שונא ווי אַ היטלער, וועלכער האָט כמעט געהאַט די גאַנצע מעגלעכקייט אויסצוראָטן אַלע יידן. דער קיום פון דעם יידישן פאָלק ביז היינט איז אַ רעטעניש. עס איז אַ נס. אָבער עס איז אַ פאַקט: עם ישראל חי, ג־טלעכע וואָלקנס האָבן אונז געשיצט פאַר אַלע שונאים, וועלכע זענען געקומען אויף אונז פון אַלע פיר זייטן פון דער וועלט.

עס זענען געווען, אין אונזער צוויי טויזנט יאָריקן גלות אויך אַנדערע צייטן. מיר האָבן זיך צומאָל באַזעצט אין פלעצער ווו אַ ברעיטהאַרציקע זון האָט פּליצים געשטראַלט איבער אונזערע קעפּ. שטראַלן פון ליבעראַליזם, קולטור און ציוויליזאַציע, האָבן אונז געוואַרעמט. צומאָל זענען די שטראַלן געווען אַזוי הייס, אַז זיי האָבן באַדראָט פּשוט

צו פאַרברענען די יידישע קעפּ. עס איז געווען א סכּנה אז יידישער גע־דאַנק, אין די יידישע קעפּ, זאָל איינגאַנצן פאַרברענט ווערן און יידן וועלן אויפהערן דענקען יידיש, אָדער פילן יידיש. די געפאַר איז געווען נאָך גרעסער פון פיילן און שטיינער, וואָס זענען געקומען פון די זייטן. די גייסטיקע געפאַר פון אויבן, האָט באַדראָט צו אַסימילירן דאָס גאַנצע פאָלק, עס זאָל פון אים קיין שריד ופליט נישט בלייבן. אָבער אויך דאָ זענען מיר געשיצט געוואָרן. דווקא אין יענע מקומות וואו די זון האָט אַזוי געברענט; דווקא דאָרט זענען געקומען גרויסע יידישע גייסטער, וועלכע האָבן אָפּ־געקילט די הייסע שטראַלן פון דער פרעמדער קולטור. זיי האָבן אויפ־געוויזן די גרויסקייט און הייליקייט פון יידישן אידעאַל. זיי האָבן גע־האַלטן דאָס יידישע פאָלק אין זייערע אייגענע גייסטיקייטן און נישט דער־לאָזט אז יידן זאָלן זיך אָפּזאָגן פון יידישקייט.

אין זייער לאַנגן צוויי טויזנט יאָ־ריקן גלות, האָבן יידן אויך געמוזט האָבן א וועג־ווייזער. יידן האָבן נישט געטאָרט בלייבן שטיין, מיט זייער ציל, אין די לענדער ווו זיי זענען געזעסן. דאָ איז געקומען דער געקימען דער זעקסטער וואָלקן. וואָס האָט אָנגעוויזן דעם ריכטיקן וועג. מיר האָבן זיך תמיד איבעראַל פאַרייניקט אין איין געדאַנק פון: ותחזינה עינינו בשובך לציון ברח־מים; דריי מאָל אין טאָג האָבן מיר אונזערע געזיכטער געווענדעט צום מזרח, אָנווייזנדיק אז ווו מיר זאָלן זיך אַליין ניט געפינען, איז תמיד אונזער ציל און אונזער ענד־פּונקט — ציון; דאָס לאַנד פון אונזער בענקעניש און זענזוכט; נאָר דאָרט אהין דאַרפן מיר ענדלעך קומען.

אויך דאָס האָט אונז נאָך נישט גענוגט. מיר האָבן אין אונזער לאַנגן וועג תמיד געהאַט פאַרשידע־נע שוואַכע און אָפנהענטיקע איינ־צעלנע, וועלכע זענען מיד געוואָרן פון גלות. זיי האָבן פאַרלוירן דעם באַנד וואָס האָט זיי געבונדן מיט דעם כּלל. עס האָט געדראָט א גע־פאַר, אז א סך פון אונז וועלן פאַר־לוירן גיין. אַליין אויסמישנדיק זיך מיט די פעלקער, צווישן וועלכע זיי לעבן. פאַר דעם האָט אונז געשיצט א זיבעטער וואָלקן. איבעראַל ווו מיר האָבן זיך געפונען האָבן מיר איינגעפירט א קהלה׳שן לעבן. דאָס אָרגאַניזירטע כּלל־לעבן פון יידן האָט אויפגעהאַלטן אַלע אונזערע שוואַכע און מידע. מיט דער צוגעהעריקייט צו דער יידישער קהלה, איז מען געבליבן א מיטגליד פון דעם ידי־שען כּלל. די כּלל־אַרבעט האָט אויפגעהאַלטן דאָס יידישע לעבן און האָט עס דערהאַלטן ביז אויף דעם היינטיקן טאָג.

* * *

מיר זיצן זיבן טעג אין סוכה און מיר דערמאָנען יענע זיבן געטלעכע וואָלקנס וועלכע האָבן אונז געשיצט פון אונטערגאַנג. מיר טאָרן אָבער

אויף איין מ נוט נישט פארגעסן, אז אויך היינט עקזיסטירן מיר נאר א דאנק דיזעלביקע זיבן וואלקנס. אט האבן מיר אונזער אויסגעבענקטע מדינת־ישראל. ווידער שטייען יידישע שונאים פון אלע פיר זייטן פון אינזער מדינה און שארפן זיך די ציין, אז זיי וועלן מיט זייערע געווערן, מיט שטיינער און פיילן פארניכטן די יידישע מדינה. מיר האבן אבער בטחון אין דעם שומר ישראל, אז זיינע וואלקנס וועלן אונז באשיצן. די פיילן פון די שונאים וועלן אונז נישט דערגרייכען. אונזערע פיילן וועלן זיי פארניכטן און מיר וועלן בויען אונזער מדינה צום שטאלץ פון ישראל און דער גאנצער מענטשהייט. יידן אין די תפוצות לעבן היינט אין זייערמערהייט אין לענדער פון ליבעראליזם און פרייהייט. הייסע זון־שטראלן פאלן אויף די יידישע קעפ. אונזער יוגנט ווערט פון טאג צו טאג מער אפגעברענט פון די וועלטלעכע זון־שטראלן. עס דראט פאר אונז חלילה א געפאר, אז די יוגנט זאל אויפהערן דענקען ווי יידן, רעדן ווי יידן און זיך אויפפירן ווי יידן. אבער עס איז דא א פינפטער וואלקן, וועלכער שיצט אונז. עס זענען נאך דא ב"ה גרויסע יידישע דענקער, וועלכע זארגן פאר יידישן המשך. זיי שטייען מיט ווארט און שריפט. זיי קלערן אויף. זיי היילן די מוח־קראנקהייטן. זיי בארואיקן די יידישע קראנקע קעפ. לאמיר האפן אז עס וועט אונז אי"ה געלינגען דאך צוריקברענגען ציקינפטיקע דורות צום יידישן געדאנק און צום יידישן גייסט.

מיר פארמאגן ב"ה היינט אויך דעם זעקסטן וואלקן, וועלכער ווייזט אונז פאקטיש אן אונזער ריכטיקן וועג צום מזרח, צו ציון. יעדער ייד פילט היינט, אז זיין אייניציקער ציל איז דארט אהין. נאר דארט קען דער ייד זיך אויסלעבן אין יידישקייט און אין יידישע אידעאל.

לאמיר דערפאר שטארקן דעם זיבעטן וואלקן, וועלכער איז פאר אונז אזוי נויטיק דא אין די תפוצות. טאג־טעגלעך פאלן פון אונז אפ די שוואכע, מידע און אפטריניקע. אונזער כלל־לעבן ווערט צובראכן דורך קליינלעכע פערזענלעכע סכסוכים. לאמיר שטארקן די אלטע אויסגעפרוווטע אינסטיטוציע: די יידישע קהלה, וואס איז די איינציקע גאראנטיע פאר דעם יידישן כלל־לעבן. זי, די יידישע קהלה, האלט צוזאמען אלע און בינדט אלע צונויף אין איין איינהייט. זי גאראנטירט דעם אנהאלט פאר די שוואכע און מידע. זי גיט די אינספיראציע און גייסטיקן כוח זיך צו האלטן אין דער יידישער געמיינדע און זיין א מיטגליד פון דעם גאנצן ציבור.

אין יום־טוב פון סוכות, לאמיר דאנקען ג־ט פאר דעם שוץ וואס ער האט געגעבן און גיט אונז ביז היינט. לאמיר אלע האבן א פריילעכן זמן שמחתנו און זוכה זיין צו דער גאולה שלימה במהרה בימינו.

שמחת־תורה

מערקווירדיק איז דער יום־טוב פון שמחת־תורה. פון איין זייט האָט ער קיין שום מקור נישט אין דער הלכה. נישטאָ אין שולחן ערוך קיין שום דין וועגן שמחת־תורה. בלויז חער רמ"א ברענגט, אז עס איז א מנהג, אין לעצטן טאָג פון סוכות, צו מאַכן הקפות און זיך צו פרייען מיט דער תורה. פון א צווייטער זייט, האָט דער שמחת־תורה גאָר שטאַרק זיך איינגעבירגערט ביי יידן אַלס דער אמתדיקער פאָלקס־יום־טוב. ער איז דער יום־טוב פון עמך, פון אַלע. מענער, פרויען און קינדער נעמען אָנטייל אין אים. אַלע טראָגן די תורה און אַלע פרייען זיך מיט איר.

איך וויל דערפאַר היינט אויפקלערן די באַדייטונג פון שמחת־תורה דווקא פון דעם ריין הלכה־דיקן שטאַנדפונקט. איך וויל אויפווייזן אז שמחת־תורה אַנטהאַלט אין זיך א פילאָזאָפישע באַגרינדונג פאַר דעם אמת פון דער תורה און פאַר דעם קיום פון יידישקייט, טאַקע אויף דעם יסוד פון הלכה פון דער תורה.

אין שמחת־תורה דערמאָנען מיר דאָס אָפּשטאַרבן פון משה רבינו. די תורה דערציילט, אז משה רבינו האָט אָנגעשריבן די ספר תורה, און זיינע לעצטע ווערטער זענען געווען: נעמט די דאָזיקע תורה, שטעלט זי אַוועק ביי דער זייט פון דעם אָרון. זי וועט זיין פאַר אייך אַלס אַן עדות. (דברים ל"א כ"ז).

וואָס מיינען די דאָזיקע אומפאַרשטענדלעכע ווערטער? וואָס באַדייט דער אויסדרוק: זי וועט זיין פאַר אייך אַלס אַן עדות? וואָס פאַר אַן עדות איז די תורה פאַר יידן?

דער דין פון הלכה על פי תורה איז: אויב מען האָט נישט קיין זיכערקייט וועגן עפּעס א זאַך, מוז מען פאַרנעמען עדות, וועלכע באַשטעטיקן אז אַזוי אָדער אַזוי איז עס. די הלכה לערנט דאָן, אז אויך א לאָגישער באַווייז איז פּונקט אַזוי גילטיק ווי עדות. מען גלויבט איי־

נעם אויך אָן עדות, אויב דער שכל דיקטירט אונז אז ער זאָגט אמת.

אָט איז אַ משל:

ראובן מאָנט ביי שמעון אַ כלי. שמעון ענטפערט: אמת, די כלי איז דיינע, אָבער איך האָב דיר באַצאָלט פאַר נוצן זי במשך פון אַ יאָר, און איך האַלט זי ערשט 6 חדשים. דער דין איז, אַז שמעון איז באַגלויבט אָן עדות. די לאָגיק דיקטירט, אַז שמעון זאָגט אמת. אויב ער וואָלט געווען אַ ליגנער, האָט ער געהאַט אַ ברירה צו זאָגן אַ בעסערן ליגנט. ער האָט געקענט לייקענען אינגאַנצן, און באַהויפּטן אַז די כלי איז זיין אייגנטום. אַ כלי האָט נישט קיין שום אייגנטומס צייכן. ער האָט בלויז צוליב אמת צוגעגעבן, אַז די כלי באַלאַנגט צו ראובן. דערפאַר דאַרף מען אים גלויבן אַז ער האָט באַצאָלט פאַר באַנוצונג אויף אַ יאָר. אזא מין לאָגישער באַוויזט רופט זיך מיגו.

דער דין פון מיגו האָט אין שולחן ערוך אַ גאַנצע ריי פון באַגרעניצונגען.

1) אויב ראובן קומט מיט עדות, אָדער מיט פאַקטישע באַווייזן, און ווייזט אויף אַז די כלי איז זיינע און פאַרלאַנגט זי אָפּ, דעמאָלט מוז שמעון אויך ברענגען: אָדער עדות, אָדער באַווייזן, אַז ער האָט אַ רעכט די כלי צו האַלטן. אין דעם פאַל העלפט נישט קיין לאָגיק, ווייל די טענה פון ראובן האָט עדות, אָדער פאַקטישע באַווייזן.

2) נעמען מיר אַזאַ פאַל: ראובן מאָנט ביי שמעון אַ כלי. שמעון ענטפערט: אמת, די כלי איז דיינס, אָבער מיר קומט ביי דיר געלט און איך האָב די כלי גענומען אַלס אַ משכון. גיב מיר צוריק מיין חוב, וועל איך דיר אָפּגעבן די כלי. אין דעם פאַל העלפט נישט קיין לאָגיק. שמעון פאַרטיידיקט זיך נישט פאַרוואָס ער האַלט די כלי, נאָר ער וויל נאָך אַרויסבאַקומען געלט פון ראובן. מיר קענען אין דעם פאַל נישט אָנווענדן די לאָגיק און באַהויפּטן אַז שמעון האָט געקענט זאָגן אַז די כלי איז זיינס. אויב ער וואָלט אַזוי געטענהט, וואָלט ער נישט געקענט מאָנען ביי שמעון קיין געלט. ער מוז דערפאַר ברענגען אַ באַוויז אַז עס קומט אים געלט ביי ראובן.

3) מיר קענען זיך נישט באַדינען מיט קיין לאָגיק, אויב שמעון טענהט אַזעלכע טענות, וועלכע זענען נישט לאָגיש. וואָס קען העלפן די לאָגיק, אַז ער וואָלט געווען געקענט טענהן אַ בעסערע טענה? לעת עתה, דאָס וואָס ער טענהט פאַקטיש, איז אַקעגן דער לאָגיק און איז נישט שכלדיק.

4) דאָס וואָס ער טענהט פאַקטיש קען זיין אַ טעות, וואָס ער אַליין גיט זיך נישט אָפּ קיין חשבון דעריבער. אין אַזאַ פאַל איז נישטאָ קיין מיגו. אמת, ער האָט געהאַט אַ ברירה אָנצווווענדן אַ בעסערע טענה, אָבער

דאָס וואָס ער טענהט קען זיין אַ טעות.

5) די טענה וואָס ער וואָלט געקענט טענהן איז פאַרבונדן מיט חוצפה און עזות. אין אַזאַ פאַל איז נישטאָ קיין מיגו. מיר קענען נישט אָנווענדן די לאָגיק, אַז ער וואָלט געווען געקענט טענהן בעסער, ווייל נישט יעדער איז פעאיק צו חוצפה און עזות.

6) די טענה וואָס ער וואָלט געקענט טענהן איז פאַרבונדן מיט בושה, אָדער מיט אַ געלט־שאָדן פון אַן אַנדערהער זייט. אין אַזאַ פאַל איז נישטאָ קיין מיגו. מיר קענען נישט אָנווענדן די לאָגיק, ער האָט געקענט בעסער טענהן, ווייל יענע טענה וואָלט אים געברענגט אַ בושה אָדער אַ שאָדן פון אַ פרעמדער זייט.

7) דער לאָגישער באַווייז דינט צו דעם, אַז מיר גלייבן דעם אָנגעקלאָגטן. מיר זאָגן, ער זאָגט זיכער דעם אמת, ווייל אויב ער וואָלט געווען אַ ליגנער, וואָלט ער געווען געקענט טענהן בעסער. ווען עס זענען אָבער פאַראַן געוויסע סיבות און אורזאַכן וועלכע איבערציינן אונז אַז דער אָנגעקלאָגטער האָט באַדאַרפט נאָר אַזוי טענהן, ווי ער האָט פאַקטיש געטענהט און נישט אַנדערש, דעמאָלט איז דער לאָגישער באַווייז נישט גילטיק.

8) דער לאָגישער באַווייז איז גילטיק נאָר דעמאָלט, ווען מיר ווילן דורך אים באַפרייען דעם באַשול־דיקטן, ער זאָל נישט דאַרפן צו צאָלן. אָבער קיינמאָל קענען מיר מיט קיין לאָגישע באַווייזן נישט פאַראורטיילן אַן אָנגעקלאָגטן צו צאָלן געלט. אויף אַרויסצובאַקומען געלט פון אַ צווייטן, מוז מען האָבן פאַקטישע באַווייזן. עס העלפט דעמאָלט נישט קיין לאָגיק.

דאָס, איז בלויז אַ קליינער טייל פון די תורהדיקע געזעצן בנוגע צו דער גילטיקייט פון דעם לאָגישן באַווייז. אָבער דער דין איז קלאָר, אַז אויב עס זענען נישט פאַראַן קיין איינציקער פון די דערמאָנטע באַגרענעצונגען, איז דער לאָגישער באַווייז אַזוי גילטיק ווי עדות.

* * *

איך וויל איצט צוריקקומען צו די לעצטע ווערטער פון משה רבינו. ער זאָגט: שטעלט אַוועק די תורה ביים אָרון. זי וועט זיין פאַר אייך אַן עדות. צו וואָס דאַרפן מיר עדות? מיר דאַרפן עדות כדי צו באַווייזן, אַז דאָס וואָס מיר האַלטן זיך אין דער תורה איז נישט קיין בלויזע טרוקענע דעמאָנסטראַציע און נישט קיין געקינסטלטע צערעמאָניע. דאָס איז אַן אמתע דעקלאַראַציע פאַר דעם צונויפבונד פונם ייד מיט דער תורה. דאָס וואָס די תורה געפינט זיך ביי אונז איבעראַל און שטייט אומעטום אין אָרון הקודש, איז דער בעסטער באַווייז, אַז יידן און תורה זענען איינס.

וואָס האָבן יידן אַלץ נישט פאַרמאָגט? אַ לאַנד, אַ בית־המקדש, אַן

ארון מיט א כפורת, מיט א גאנצע ריי פון הייליקייטן. שונאים האבן באוויזן ביים ייד אלץ אוועקצורויבן. זיין לאנד און זיינע הייליקייטן. יידן האבן געוואנדערט פון לאנד צו לאנד. אומעטום האט מען ביי זיי אוועקגענומען זייערע פארמעגנס. זיי זענען נישט איינמאל געבליבן טאקע ממש אדם נאקעט. אבער איין זאך האבן יידן נישט געלאזט זיך אוועקנעמען. דאס איז די ספר־תורה. זי איז איבעראל מיטגעגאנגען מיט דעם ייד. מען האט זי געברענט גלייך ווי דעם ייד. דער ייד האט זי נישט איבערגעלאזט. ווען מען האט אים געפירט צום שייטערהויפן, האט ער זיך איינגעהילט אין דעם ספר־תורה און צוזאמען געפלאקערט, נישט איינמאל איז דער ייד געגאנגען צו טארטורן, צו תליות און צו הריגות, כדי צו ראטעווען די ספר־תורה. די פאקטן פון דער יידישער געשיכטע מוזן איבערצייגן אין דעם אמתדיקן צונויפבונד צווישן יידן און דער ספר־תורה. נישט אומזיסט באטאנען מיר אזוי שטארק דעם אויסדרוק: תורת אמת. וואלט דאס נישט געווען קיין אמת, האט דאך דער ייד שוין נישט איינמאל געהאט א ברירה זיך אפצוזאגן פון איר. אויב אנדערע פעלקער זאגן זיך נישט אפ פון זייערע גלויבנס, איז דאס גאר קיין ראי׳ נישט אויף זייער אמת. וואס וואלטן די אנדערע פעלקער פארדינט ביים אפזאגן זיך פון זייערע גלויבנס? גארנישט. אפשר גאר א סך פארלוירן. אנדערש אבער דער ייד. מיט זיין אפזאגן זיך פון דער תורה וואלט ער זיך פארשאפט דעם גאנצן עולם הזה. א קלייניקייט! אלע טירן וואלטן פאר אים געווען אפן. דער אמת פון דער צוגעבונדנקייט פון ייד און תורה האט א לאגישן באוויז, וועלכער קען נישט אפגעפרעגט ווערן.

נישטא קיין פאלק אין דער וועלט וואס זאל פארמאגן אזא מין געזונטן לאגישן באוויז פאר דעם אמת פון זייערע אידעאלן, ווי דער ייד — להבדיל — האט, האלטנדיק און אנווייזנדיק אויף דער תורה. דאס וואס זי געפינט זיך ביי אונז, איז דער שטארקסטער עדות פאר איר אמת. אויף דעם פאקט און אויף דער לאגיק, איז נישטא קיין שום טענה וואס זאל קענען זי אפשוואכן. מיר דארפן נישט ברענגען קיין מענטשלעכע עדות, ווייל קיינער קומט צו אונז נישט מיט קיין עדות, אדער מיט באווייזן, וואס זאלן אפלייקענען אונזער בונד. 1) מיר מאנען גארנישט ביי קיינעם. 2) מיר האבן זיך געקענט א סך מאל אפזאגן פון איר, אן חוצפה און אן עזות. 5) אן א געלט־שאדן און אן א בושה. 6) קיינער האט אונז נישט געצוואונגען זיך צו האלטן אין איר. 7) אמת, מען איז געקומען צו אונז, פון צייט צו צייט, מיט וויסנשאפטלעכע טענות. מען האט געטענהט, אז וויסנשאפט באשטעטיקט נישט די אמתן פון דער תורה. אבער וואס פאר א כוח האט וויסנשאפט יא אדער נישט צו באשטעטיקן די תורה? וויסנשאפט איז פאקטיש

באַגרענעצט. ביז דאָנען גייט זי, ווייטער גייט זי נישט. אפילו ריין־קאָנקרעטע ענינים איז זי נישט בכוח אויפצוקלערן. נישט איינמאָל בלייבט זי שטיין פאַר א וואַנט וואָס זי קען נישט אַדורך. איר נישט קענען באַ־שטעטיקן די אמתן פון דער תורה איז גאָר קיין באַווייז נישט. זי קען צופעליק אויף קיין פאַל אויך נישט אָפּלייקענען קיין איינציקן אמת פון דער תורה.

די אמתן פון דער תורה זענען קיינמאָל נישט אַקעגן דעם שכל, ווי דאָס איז ביי להבדיל אַנדערע גלויבונגען און וועלטלעכע תורות. פאַראַן אין אונזער תורה געוויסע גע־זעצן און געדאַנקען, וועלכע מיר קענען נישט פאַרשטיין מיט אונזער שכל. אָבער עס זענען נישט פאַראַן קיין געזעצן אָדער געדאַנקען וואָס זאָלן זיין פאַרקערט פון דעם שכל, אָדער אין סתירה צו דער לאָגיק. 3).

אין אונזער תורה זענען נישט פאַראַן קיין טעותים. גלויבונגען און אידעאַלן, וועלכע זענען געשאַפן פון מענטשן, קענען האָבן טעותים. אָבער יידישע תורה איז מן השמים. זי איז גאָטלעך אייביק און קען קיין טעות נישט האָבן 4). אמת, אַז אונזער תורה איז אָנגענומען בלויז פון יידן, וואָס זענען זייער ווייניק אין צאָל, אַקעגן אַנדערע פעלקער, וואָס זענען א סך מער פון אונז. אָבער עס איז באַקאַנט, אַז אַמאָל זענען צוויי עדות וויכטיקער פון הונדערט עדות. ווען עס האַנדלט זיך אין פאַקטן, וועלכע מען האָט אַליין נישט געזען מיט די אויגן, נאָר מען האָט וועגן זיי געהערט פון אַנדערע מענטשן. עס קומען, למשל, הונ־דערט מענטשן און זאָגן עדות, אַז זיי האָבן געהערט פון צוויי מענטשן אַזוי און אַזוי. דאַקעגן, קומען בלויז צוויי עדות און זאָגן, אַז זיי האָבן געהערט פון הונדערט אַנדערש. וועמען גלויבט מען אין אַזאַ פאַל? זיכער די צוויי וועלכע האָבן גע־הערט פון הונדערט, איידער די הונ־דערט וועלכע האָבן געהערט בלויז פון צוויי.

אַלע גלויבונגען און אידעאַלן; אמת, אַז מיליאָנען האָבן זיי אָנגע־נומען, אָבער זיי שטאַמען פון בלויז צוויי־דריי מענטשן וועלכע האָבן זיי געשאַפן. מיר יידן, האָבן די תורה גענומען בשעת מיר זענען געווען 6 מאָל הונדערט טויזנט. זי איז אונז איבערגעגעבן געוואָרן פון ששים רבוא. האָבן מיר אַן אורזאַך נישט אָנצווענדן דעם לאָגישן באַווייז פאַר אירע אמתן?

א לאָגישער באַווייז האָט נישט קיין כוח צו פאַראורטיילן אייגענע אויסצוגעבן פון זיין באַזיץ דאָס וואָס ער האָט. יידישע תורה האָט דערפאַר קיינמאָל נישט פרעטענדירט אויף צורעדן א פרעמדן ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון זיין גלויבן צוליב איר. יידן האָבן קיינמאָל זיך נישט אָנגעשטרענגט צו פאַרשפרייטן תורה צווישן פרעמדע. ווען מען האָט דאָס ערשטע מאָל איבערגעזעצט די תורה, אויף גריכיש, האָבן יידישע חכמים געמאַכט א תענית. יידישע תורה

צווינגט קיינעם נישט זי אָנצונעמען. עס איז גאָר אַ פאַרבאָט צו לערנען תורה מיט גויים. אָבער ווען מען קומט צו אונז יידן מיט גויאישע טענות; ווען מען פאַרלאַנגט פון אונז אַליין מיר זאָלן, צוליב ככל הגוים, זיך אָפּזאָגן פון אונזער תורה, שטעלט זיך די פראַגע: מיט וואָס פאַר אַ רעכט? משה רבינו האָט אויף אייביק געזאָגט: שטעלט אַוועק די תורה ביים אָרון. אויף אייביק וועט זי זיין אַן עדות אויף דעם אמתן בונד צווישן איר און די יידן. אַן עדות דערפאַר, ווייל איר לאַגישער באַווייז איז פונקט אַזוי שטאַרק ווי דאָס אויסזאָגן פון עדות.

דער ככל הגויים איז טאַקע זייער גרויס אין צאָל. אָבער זייערע אידעאַלן קומען פון שוואַכע, צעבראָכענע קוואַלן; פון נאַרישע גלויבונגען און טעותים, וועלכע זענען נישט בכוח אָפּצולייקענען דעם אייביק אמתן צונויפבונד פון יידן מיט דער תורה, וואָס איז ג־טלעך, וואָס איז אמת און אייביק.

דאָס כאַראַקטעריסטיש־פּאָליטישע זיך פרייען מיט דער תורה, איז אַ פּריוווילעגיע פּראָקלאַמאַציע פאַר דעם אייביקן בונד צווישן ייד און תורה. לאָמיר דערפאַר שטאַרקער זי צודריקן צו אונזער האַרץ. אונזערע שונאים ווילן אונז ביידע פאַרטרייבן פון דער וועלט. מיט זייער גאַנצער אכזריות, ווילדקייט, רשעות און שנאה, וועלן זיי אונז ביידע צוזאַמען נישט בייקומען. מיר וועלן זיי איבערלעבן. מיר וועלן טרעטן אויף זייערע קברים און מאַרשירן ווייטער, אויף דעם וועג פון אייביקייט.

וועלט און מענטש

.1

בראשית

„אויפן פריפעטשיק האָט געברענט אַ פייערל און אין שטוב איז געווען היים"... איר ווייסט אַלע וואָס די ווערטער באַדייטן. דאָס איז געווען דער אַמאָליקער, פאַנאַטישער בטלנישער חדר. דאָרט פלעגט זיצן אַ רבי און לערנען מיט די קליינע קינדערלעך די סדרא פון בראשית.

לערנט זשע קינדערלעך: בראשית ברא אלקים; ג־ט האָט באַשאַפן הימל און ערד. נאָך וואָס און צוליב וואָס; פאַר וועמען און צוליב וועמען האָט ג־ט באַשאַפן הימל און ערד? קוקט זשע קינדערלעך אין רש"י, וועט איר וויסן: בשביל ישראל שנקראו ראשית ובשביל התורה שנקראת ראשית; הימל און ערד, וועלט און מענטש, זענען געשאַפן געוואָרן צוליב די יידן און צוליב די תורה. אַזוי האָט דער אַמאָליקער בטלנישער רבי געקנעלט מיט די קליינע קינדערלעך...

אין דערזעלבער צייט זענען אין גרויסע ליכטיקע צימער יידישע משכילים געזעסן. אָפּגעשפּאָט האָבן זיי פון דעם רבין מיט די קינדערלעך. נאַריש, — האָבן זיי געשריגן — זענען אַזעלכע ווערטער. מיט דעם אַלטן אתה־בחרתנו'איזם שמעקן זיי. וואָס הייסט דאָס עפעס, זיך איינרעדן, אַז וועלט און מענטש, שטאָט און דאָרף; אינדוסטרי און האַנדל. קולטור און קונסט; אַלץ איז געשאַפן בלויז צוליב דעם ייד און תורה? הונדערטער יאָר האָבן די משכילים פון אַמאָל געפאָכעט מיט זייער אַנטי־אתה־בחרתנו שווערדעל. זיי האָבן מיט כלערליי מינים שכלדיקע אותות ומופתים באַוויזן, אַז אַזאַ טעאָריע שמעקט מיט פוסטער גאווה, מיט נאַציאָנאַלן עגאָאיזם, מיט פאַרטיקולאַריזם, מיט ראַסן־מאָנאָפּאָל וכדומה. אתה בחרתנו'ניק איז געוואָרן אַ שימף־וואָרט אויף דעם אַדרעס פון רעליגיעזע יידן, וועלכע טראָגן זיך אַרום מיט אַן אַבסורדאַלער איינרעדעניש פון סופּעריאָריטעט.

טעמפּאָראַ מוטאַנטור. צייטן בייטן זיך! מיר האָבן דערלעבט אַ צייט, אין וועלכער רעפּרעזענטאַנטן פון כמעט דער גאַנצער מאָדערנער

מענטשהייט ברעכן זיך די קעפ ווי־אזוי צו ראטעווען די וועלט און דעם מין מענטש פון אונטערגאנג. אלע זענען זיי געקומען צו אן אייג־הייטלעכן באשלוס, אז דער קיום און דער דערהאלט פון וועלט און מענטש איז נישט אפהענגיק, נישט פון שטאט און דארף, נישט פון אינדוסטרי און האנדל, אפילו נישט פון קולטור און קונסט, נאר בלויז און איינציק, פון עטישער באוווסט־זיניקייט און מאראלישער לעבנס־אויפפירונג. מיט איין ווארט: בלויז פון דער פארווירקלעכונג פון א טיפער אידעע, צוליב וועלכער די גאנצע וועלט איז באשאפן געווארן. אידעע איז דער הויפט־פאקטאר, אזוי פאר דעם באשאף פון דער וועלט, ווי אויך פאר איר קיום און אויפהאלט.

די מענטשהייט לעבט היינט אין א תקופה, אין וועלכער עס איבער־בייטן זיך לגמרי די אנשויאונגען און די גרונט־פרינציפן פון דעם ביז איצטיקן מענטשלעכן געדאנקנ־גאנג. מאדערנע דענקער פארגלייכן דעם געדאנקנגאנג פון דער מענטש־הייט צו דעם שטראם פון א טייך. א טייך קען א געוויסע לאנגע צייט פליסן אין א באשטימטע ריכטונג. פלוצים מיט אמאל זאל ער זיך פארקערעווען אין א גאנץ נייער ריכטונג, און צומאל אין ממש א פארקערטער זייט. דאס געשעט א סך מאל דערפאר, ווייל עפעס א שטערונג קומט פאר אין דער ליניע אין וועלכער דער שטראם פלעגט לויפן. דאסזעלבע קומט פאר מיט דעם לויף און דעם גאנג פון די מענטשלעכע געדאנקען. עס קען דויערן הונדערטער יאר און דער מענטשלעכער געדאנק זאל זיך באוועגן אויף א געוויסער ליניע, און באאיינפלוסן כמעט אלע פעלדער פון מענטשלעכער קולטור. מיט אמאל קומט מיט דער צייט עפעס א געוויסע שטערונג אין דער ליניע פון דעם געדאנקנגאנג. עס אנט־שטייט א גאנצער רעוואלט אקעגן דער ביז איצטיקער ליניע. דעמאלט הויבט זיך אן א נייע תקופה אין דער מענטשהייט.

אנהויבנדיק פון טאלעס פון מי־לעט, ביז צו קאנט און לאפלאס, איז דער מענטשלעכער געדאנקנ־גאנג כסדר געווען פארטאן אין ארויסזוכן דעם ערשטן שטאף; דעם ערשטן חומר, פון וועלכן די וועלט איז געשאפן געווארן. אלע טעאריעס האבן זיך באוועגן אויף דער ליניע פון זוכן די סיבות פון וועלט־באַ־שאף, אין דרויסנדיקע, מחוץ פון דעם מענטש, זיך געפינענדיקע אור־זאכן. היינט הויבט מען אן זיך צו רעוואלטירן אקעגן אלע מאטעריא־ליסטישע טעאריעס. מאטעריע האט נישט געשאפן די וועלט. מאטעריע איז נישט דער וועלט־צוועק. מא־טעריע קען גיכער חרוב מאכן, איי־דער שאפן. אידעע איז געווען די סיבה פון וועלט־באשאף. אידעע איז די סיבה פון יעדער שאפונג און אידעע, איז צוגלייך די גאראנטיע פון קיום און אויפהאלט פון וועלט. נישט צופעליק, נישט דורך קיין צוזאמענשטויס פון מאטעריעלע כו־

חות, און נישט דורך טעכנישע אדער מעכאנישע פראצעסן, איז די וועלט ארויסגעשפרונגען. אן אידעע איז געווען און איז פאראן, וואס נאר לויט איר איז די וועלט געשאפען און נאר לויט איר האט די וועלט איר קיום.

אט דאס לעצטע מאדערנע ווארט, אין דער נייער פילאזאפיע, איז פאר אונז יידן גאר קיין נייעס נישט. דארט, אין דעם אלטן, בטלניש חדר, האט דער רבי מיט די קליינע קינדער געלערנט, אז בראשית מיינט די תורה. לויט דער תורה האט ג־ט געשאפן די וועלט, און נאר מיט תורה וועט די וועלט האבן א קיום, ווייל די אידעע (און דאס איז תורה) איז די סיבה פון כל הסיבות.

א וואונדערלעכע ווייזע האבן חז"ל געהאט. אין דער גמרא (עבודה זרה ב' ע"ב), זאגן חז"ל: עס וועט קומען א צייט, ווען א ג־טלעכע שטימע וועט זיך לאזן הערן אין דעם וועלט־חלל. די שטימע וועט רופן פאר באלוינונג צו אלע וועלכע האבן געלייסטעט און געשאפן אין דער וועלט. דעמאלט וועלן קומען צולויפן אלע וועלטס־חכמים. זיי וועלן אנווייזן אויף די גרויסע געביידעס וואס זיי האבן געבויט; אויף די פרעכטיקע שאסייען וואס זיי האבן געפלאסטערט; אויף די וואונדערלעכע בריקן און קאנאלן וואס זיי האבן איינגעריכטעט. אבער די ג־טלעכע שטימע וועט דערויף ענטפערן: געביידעס און שאסייען, בריקן און קאנאלן, זייער שיין! אבער אן תורה פארלייכטערן זיי בלויז די רציחות און די פארברעכנס. זיי פארהעלפן צום אויסגעלאסענעם לעבן. זיי באפעסטיקן נישט דעם קיום פון וועלט און מענטש, נאר פירן צו חורבן און צו פארניכטונג. ביז אהער, איז די גמרא.

לאמיר איצט לעזן די דעקלאראציעס פון די היינטיקע גרויסע דענקער. אין זיי געפינען מיר ווארטווערטלעך אט די דערמאנטע ווערטער פון חז"ל. די דעקלאראציעס לויטן: הימל־קראצערס און אויטאסטראדען; אטאמען און ראקעטן; טעלעוויזיעס און עראפלאנען, זייער שיין! אבער די אלע פרעכטיקע דערפינדונגען זענען נישט קיין פארזיכערונג פאר דעם דערהאלט פון וועלט און מענטש. עס פעלט דער פונדאמענט פון מענטשלעכער עקזיסטענץ. עס פעלט די מענטשהייט. עס פעלט תורה... די יידישע תורה הויבט זיך אן מיט די ווערטער: בראשית ברא אלקים. די דריי ווערטער האבן דריי ענד־בוכשטאבן. די אותיות וואס זענען צום סוף פון די דריי ווערטער, לויטן: ת. א. מ. זיי שטעלן צונויף דאס ווארט: אמת. מיט שקר איז נישטא קיין וועלט; מיט שקר איז נישטא קיין מענטשהייט.

אלע פארמען פון סאציאלע געזעצן און קאלעקטיווע ארדנונגען, קענען נישט פארזיכערן דעם קיום פון דער מענטשהייט. נישט די פאליציאישע רעזשימען פון די דיקטאטורן און אפילו נישט די געזעצלעכע ארדנונגען פון די מכלומרשט

פרייע לענדער. דער יסוד פון מענטש איז תורה, וועלכע ווייזט אן דעם לעבנסוועג פאר יעדן יחיד, ווארצלט איין דעם גלויבן אין ג־ט־לעבקייט און לערנט די עטישקייט פון לעבן.

אם לא בריתי יומו ולילה חוקות שמים וארץ לא שמתי (ירמיה ל"ג כ"ה), אויב נישט מיין בונד טאג און נאכט, וואלט איך די געזעצן פון הימל און ערד נישט געווען געמאכט. חז"ל טייטשן די ווערטער אויף תורה. ג־ט זאגט, אז אן דעם בונד פון תורה, וועלכער גייט אן כסדר, טאג און נאכט, איז נישטא קיין הימל און קיין ערד.

זייט אזוי גוט און לעזט די באריכטן וואס קומען היינט טאג־טעג־לעך פון ערנסטע דענקער. איר וועט מיט איינמאל אנהויבן צו פארשטיין דעם אייביקן אמת פון דער דעפיניציע וואס אונזערע חז"ל האבן מיט קרוב צוויי טויזנט יאר צוריק פארמולירט בנוגע צו דעם פראבלעם: אם יאמר אדם יש חכמה בגוים, תאמין. אם יאמר לך יש תורה בגוים, אל תאמין, מדרש איכה פ"ב י"ג). וויסנשאפט און ציוויליזאציע, איז טאקע פאראן ביי דער מענטשהייט. אבער תורה איז נישטא, נאר ביי יידן.

אין דער ברכה וואס א ייד מאכט איבער די תורה, זאגט ער: אשר בחר בנו מכל העמים ונתן לנו את תורתו; ג־ט, וואס האט אונז יידן אויסגעוויילט פון אלע פעלקער און אונז געגעבן די תורה. אונזערע נאר אלטע דענקער האבן זיך אפגעשטעלט און געפרעגט: סטייטש! מיר דערציילן דאך אליין, אז דער רבש"ע האט פריער זיך ארומגעטראגן מיט דער תורה צו אלע פעלקער. קיינער האט זי נישט געוואלט נעמען. ווי־אזוי קענען מיר דאן זאגן, אז ג־ט האט אונז יידן אויסגעוויילט פון אלע פעלקער און נאר אונז געגעבן די תורה?

א תירוץ אויף דער פראגע געפינען מיר אין דער משנה (אבות פ"ג י"ד). חיבה יתירה נודעת להם לישראל, שניתן להם כלי חמדה, שבו נברא העולם. קיין שום פאלק האט דער רבש"ע נישט אויסגעזאגט דעם סוד, אז די גאנצע עקזיסטענץ פון וועלט און מענטש איז אפהענגיק פון תורה. קיין פאלק אין דער וועלט האט פון דעם סוד קיינמאל נישט געוווסט. פעלקער פון דער וועלט האבן פון תמיד געהאלטן, אז מען קען לעבן אן תורה און מען דארף נישט האבן קיין תורה צום לעבן. אן אויסנאם איז געווען דער ייד. ווען מען האט פון דער ערשטער מינוט מגלה געווען דעם סוד, אז לעבן מיינט תורה, און אז אן תורה איז נישטא קיין לעבן. חביבין ישראל, יידן זענען אויסגעוויילט געווארן מיט דעם, וואס שניתן להם כלי חמדה שבו נברא העולם. זיי האט מען באלד געזאגט, אז מען גיט זיי אט די טייערע כלי, וואס א דאנק איר איז די וועלט געשאפן געווארן און נאר א דאנק איר דערהאלט זי זיך.

עס זענען געווען אמאל ציטן,

ווען דער ייד אליין האט אויך אין דעם אמת נישט מודה געווען. אין ציַיטן פון ערשטן מקדש האבן יידן פארלאזט דעם תורה־וועג און זיך איינגעקוקט אין דעם לעבן פון די ארומיקע פעלקער. זיי האבן דעמאלט פארלוירן זייער רעכט אויף קיום. זיי זענען פארטריבן געווארן און אין גלות געלעבט. דארט, אין גלות, האבן זיי זיך צום וועג פון תורה צוריקגעקערט און ווידער האבן זיי זייער קיום דערגרייכט.

ביים פייער פון פריפעטשיק האט דער אלטער רבי מיט די יידישע קינדערלעך אן אייביקן אמת געלערנט. בראשית ברא את אלקים את השמים ואת הארץ; בשביל התורה שנקראת ראשית ובשביל ישראל שנקראו ראשית; הימל און ערד, וועלט און מענטש, זענען געשאפן געווארן מיט א ציל, און דאס איז, צוליב תורה און צוליב יידן וואס לעבן מיט תורה.

.2

וועלט און מענטש! דאכט זיך, וואס פארא פשוטע, איינפאכע באגריפן זענען דאס! וואס איז שייך צו מאכן פראבלעמען פון באגריפן וועלכע זענען גאר קלאר פאר יעדן? וועלט איז וועלט, און מענטש איז מענטש. אויך ווען דעם פארהעלטנישט פון מענטש צו וועלט, אדער פון וועלט צו מענטש, איז — דאכט זיך — יעדער פון אונז זיך גאנץ קלאר באוווסט. דער מענטש לעבט אין דער וועלט. ער שאפט, ארבעט, באוועגט זיך און לייסטעט אין דער וועלט. איינער מער; איינער ווייניקער. איינער קומט אויף דער וועלט, און דער אנדערער גייט אוועק פון איר. ווי האט געזאגט אונזער חכם מכל אדם: דור הולך ודור בא והארץ לעולם עומדת; די גענעראציעס פון מענטשן האלטן זיך אין איין טוישן, אבער די וועלט בלייבט שטיין כסדר.

איך וויל דערפאר אויך אויפמערקזאם מאכן, אז אזוי דענקען נאר די פשוטע מענטשן אין גאנג, גרויסע חכמים אבער; די וואס פארטיפן זיך אין גריבלען אריין אין יעדער זאך; ביי זיי קומט אויס, אז עס איז גאר לגמרי קאפויער. פילאזאפיש גענומען, הייסט עס, אז נישט אמת וואס מען מיינט אז דער מענטש לעבט אין דער וועלט, נאר פונקט פארקערט: די וועלט לעבט אין דעם מענטש. ווי שאפט ווייזט אויף באותות ובמופתים, אז אן דעם מענטש וואלט קיין וועלט־עקזיסטענץ קיינמאל נישט געווען. דער מענטש איז דער וואס שרייבט צו עקזיסטענץ צו דער וועלט. וואס וועלט, אליין פאר זיך, איז אן דעם מענטשן, דאס קען קיינער נישט וויסן. די מענטשלעכע פארשטעלונג, זי איז דאס דער, וואס שאפט די וועלט. די עקזיסטענץ פון דער וועלט, אזוי ווי מיר פאסן זי אויף, איז א ריין מענטשלעכע שאפונג. דער מענטש שאפט די וועלט און ער קען זי אויך חרוב מאכן. דאקעגן, די וועלט, אליין פאר זיך,

קען קיינמאָל דעם מענטש נישט חרוב מאַכן. אויך די ווערטער פון דעם חכם מכל אָדם, האָבן לויט דער פילאָזאָפיע, אַן אַנדער טייטש.

איך וויל די פילאָזאָפיע אַרויסברענגען אויף קליין געלט: אַלע זאָלן זי פאַרשטיין. איך באַטאָן, אַז דאָס אַלץ וואָס איך וועל אויפקלערן אין מיין איצטיקער סעריע פון אַרטיקלען, איז גאָרנישט מיינס. איך וועל בלויז ציטירן שיטות פון גרויסע דענקער, וועלכע האָבן זיך מיט די זאַכן באַפאַסט. (אויב עס וויל ווער זיך איבערצייגן, צי איך גיב די שיטות איבער גענוי, זאָל ער זיך פאַרשאפן דעם גרויסן איבערוועגהייצע, אין דריי טיילן. ער איז פאַראַן אין אַלע אייראָפעאישע שפּראַכען. ער איז אָבליגאַטאָריש אין כמעט אַלע אייראָפעאישע אוניווערזיטעטן. זיינע קאָמענטאַרן צו פילאָזאָפישע שיטות זענען אָנגענומען אַלס אַמייסטן פאַרלעסלעך), איך וועל דאַן איבערגיין צום יידישן שטאַנדפונקט וועגן די אַלע פראַגן.

פאַר קיין שום ערנסטן וויסנשאַפטלער איז היינט קיין סוד נישט, אַז מען קען באין אופן נישט באַהייפּטן, אַז עס עקזיסטירט אַ וועלט מחוץ פון דעם מענטש. דאָס מיינט צו זאָגן, אַז וויסנשאַפטלעך, קען מען נישט וויסן פון אַ וועלט וואָס עקזיסטירט מחוץ פון דעם מענטש. וויאַזוי עס זעט אויס די וועלט מחוץ פון דעם מענטש און אַן דעם מענטש, דאָס קען קיינער נישט וויסן. דאָס מענטשלעכע וויכן בנוגע צו זאַכן וואָס זענען מחוץ פון אים, באַזירט זיך אויף צוויי יסודות, וועלכע טיילן זיך אין צוויי גאָר באַזונדערע קלאַסן. אין אַנדערע, מער פאַרשטענדלעכע ווערטער הייסט דאָס אַז דער מענטש דערקענט און ווערט געוואָר וועגן אַלץ וואָס געפינט זיך מחוץ פון אים, אויף צוויי באַזונדערע אופנים. איין אופן רופט זיך: עמפּיריזם, און דער צווייטער רופט זיך: ראַציאָנאַליזם.

אַ מענטש איז פעאיק צו באַהויפּטן, אַז עפּעס געפינט זיך מחוץ פון אים, ווייל זיינע חושים ווייזן אים אַז עס איז עפּעס דאָ. ער זעט, מיט זיינע אויגן; ער הערט, מיט זיינע אויערן; טאַפּט אָן, מיט זיינע הענט; דערשמעקט און דערשפּירט, אַז עפּעס איז פאַראַן נעבן אים וואָס איז מחוץ פון אים. אַ מענטש זעט: הימל, ערד, פעלדער, ימים, מדבריות, שטעט און הייזער, און באַשליסט אַז דאָס איז די וועלט אין וועלכער ער לעבט.

אַ מענטש איז אויך פעאיק צו באַהויפּטן אַז עס איז עפּעס פאַראַן מחוץ אים, ווייל זיין שכל דיקטירט אים אַז ער לעבט אין עפּעס. ער געפינט זיך ערגעץ. עס איז דערפאַר דאָ עפּעס מחוץ אים, אין וועלכן ער באַוועגט זיך. און דאָס איז די וועלט. צו דער שכלדיקער באַהויפּטונג דאַרף דער מענטש נישט קיין חושים. ער קען זיך באַגיין אָן זיי.

דער ערשטער אופן רופט זיך: עמפּיריזם. דער צווייטער אופן רופט

זיך: ראַציאָנאַליזם. אין די ערשטע צייטן פון דעם מענטשלעכן געדאַנקענגאַנג איז אָנגעגאַנגען אַ גאַנצע מחלוקה: ווער איז מער פאַרלעסלעך, מער אמת; אויף וועלכן יסוד קען מען מער בויען; צי אויף דעם וואָס מען זעט מיט די אויגן, אָדער אויף דעם וואָס עס דיקטירט דער שכל. טויזנטער יאָר האָט מען וועגן דעם געשריטעט, ביז מען האָט זיך איבערצייגט, אַז ביידע יסודות, אַזוי די חושים. ווי אויך דער שכל, זענען במחילה אַבסאָלוטע ליגנערס. אַלצדינג וואָס זיי ווייזן. איז פשוט שקר וכזב. ביידע מעטאָדן פון דערקעןטניש זענען פאַלש.

אויף דעם וואָס מיר זעען און טאַפּן אָן מיט די הענט, קען מען באַין אופן זיך נישט פאַרלאָזן אַז עס איז אַזוי באמת. נעמען מיר למשל אַזאַ מין פשוטע זאַך וואָס מיר זעען, דהיינו, אַז היץ ברענגט צו דעם וואָס וואַסער ווערט הייס און עס צוגייט זיך אין פאַרע, אין גאַז. דאַקעגן, קעלט, ברענגט צו דעם אַז וואַסער ווערט פאַרהאַרטעוועט ווי אַ שטיין און עס ווערט אייז. אמת, אַז שוין טויזנטער יאָר זעען מיר דאָס אין דער נאַטור. אָבער פון וואַנען ווייסן מיר, אַז עס מוז אַזוי זיין? אפשר וועט אין הונדערט טויזנט יאָר שפּעטער זיין פאַרקערט. היץ, וועט דעמאָלט ברענגען צו דעם, אַז וואַסער זאָל ווערן פאַרשטיינערט און קעלט זאָל ברענגען צו דעם אַז וואַסער זאָל זיך צוגיין אין פאַרע. דאָס וואָס

עס קומט פאָר פאַר דעם מענטשנס אויגן איז נישט קיין ראַיה, אַז עס מוז אַזוי זיין. דער מענטש ווייסט דאָס נאָר פון זיין דערפאַרונג. ווי אַלט איז די מענטשלעכע דערפאַרונג? דערפאַרונג שטיצט זיך אויף דעם, וואָס מען האָט טויזנט מאָל געזען, אַז אַזוי האָט פּאַסירט. אָבער עס איז מעגלעך, אַז טויזנט מאָל האָט טאַקע אַזוי פּאַסירט, און צום הונדערט טויזנטסטן מאָל וועט פּאַסירן גאַנץ פאַרקערט. שכלדיק, אָן דערפאַרונג, קענען מיר באַין אופן נישט באַשטימען פאַרוואָס דווקא היץ זאָל ברענגען צום אויסדאַרען פון וואַסער. און קעלט זאָל דווקא ברענגען צום פאַרהאַרטעווען דאָס וואַסער. דער שכל קען גאַנץ גוט מסכים זיין אויך, צום פאַרקערטען פאַל. עס איז גאָר נישט אַקעגן דעם שכל, אַז היץ זאָל פאַרשטיינערן וואַסער, און קעלט זאָל דאָס וואַסער אויספאַרען. דער שכל נעמט בכלל נישט קיין שום אָנטייל אין דעם פּראָצעס וואָס קומט פאָר מיט דעם וואַסער. לכן, איז די באַשטימונג וועגן דעם אַז וואַסער פאַרעט זיך אויס אין היץ, און ווערט פאַרשטיינערט אין קעלט, געשטיצט בלויז אויף דערפאַרונג. דאָס מיינט. אויף עקספּערימענט. עקספּערימענט קען נישט געבן קיין זיכערקייט פון מוז. עס קען געמאָלט זיין, אַז עס וועט אַמאָל קומען אַ צייט ווען מיר וועלן האָבן אַ פאַרקערטע דערפאַרונג.

איצט, לאָמיר איבערגיין צום

צווייטן אופן פון דערקענטניש — צום שכל. אויך זיין מאיעכטעט, דער גרויסער מושל בכיפה, דער שכל, איז במחילה אן אפנארער. דער שכל איז נאר א פראדוקט פון דעם מענטש. אין דרויסן, איז קיין שכל נישטא. מיט וואס פאר א רעכט קען דער מענטש עפעס באַשליסן בנוגע צום דרויסן, אויף דעם יסוד פון שכל? דער דרויסן איז לגמרי נישט געבונדן מיט דעם שכל, וואס געפינט זיך בלויז אין דעם מענטש. נעמען מיר למשל, אזא פשוט געזעץ פון דעם שכל, וואס יעדער מענטש מוז אים מודה זיין, און דאך איז קיין גאראנטיע נישטא אז עס איז טאקע אזוי. דער שכל דיקטירט, אז אויב מען גיט עפעס צו, מוז זיין מער, און אויב מען נעמט עפעס אראפ, מוז זיין ווייניקער. דאכט זיך, אז דאס איז הונדערט פראצענט אמת. אבער, דאס איז אויך פאלש. היינטיקע פילאָזאָפיע קען נישט מסכים זיין, אז די שכלדיקע קאטעגאריעס זענען אבסאלוט אמת, ווייל אפילו אזא אמת אז צוויי און צוויי מוז זיין פיר, איז היינט אפגעפרעגט. דא, ביי אונז, האלטן מיר אזוי. אבער עס קען זיין, און עס איז טאקע אזוי, אז אין אן אנדערן פלאנעט, איז צוויי מיט צוויי נישט פיר, נאר אפשר גאר אנדערטהאלבן, אדער דריטהאלבן. דאס מיינט אז ערגעץ אנדערש איז פונקט פארקערט: אויב מען גיט צו איז דא ווייניקער, און אויב מען נעמט אראפ, איז נאך דא מער.

דער בארימטער ענגלישער פילאָזאף בעיקאן, האט געגעבן א זייער טרעפלעך משל אויף די ביידע אופנים פון דער מענטשלעכער דערקענטניש. ער זאגט, אז די צווייערליי מעטאדן פון דעם מענטשלעכן דענקען, זענען געגליכן צו צוויי באַשעפענישן, וועלכע געפינען זיך אין דער נאטור. עס איז פאראן א באַשעפעניש וואס רופט זיך: א שפין, עס איז אויך פאראן א באשעפעניש, וואס רופט זיך: א מאראשקע (אן אמאייזע. א נמלה); די שפין שאפט אלץ פון זיך אליין. זי וועבט אויך פון זיך אליין א געוועב, וואס איז קינסטלעך וואונדערלעך אויסגערעכנט און אויסגעהאלטן לויט אלע פונקטן פון שכל. דאקעגן די מאראשקע, שאפט פון זיך גארנישט, נאר זאַמעלט אן פון דעם דרויסן גאנצע אוצרות. זי האלט אין איין צונויפברענגען גאנצע הויפנס פון מאטעריאלן. זי לייגט אן די צוזאמענגעברענגטע מאטעריאלן אין בערג ממש. ביידע האבן פון זייער ארבעט גארנישט. דאס וואס די שפין וועבט אויס, איז בלויז שפינוועבבעכץ. אויך אלץ וואס די מאראשקע ברענגט צוזאמען, איז צו גארנישט. זי אליין קענען דאס נישט קאנסומירן. זי לעבט בלויז אין איינציקן זומער. זי שטארבט אוועק און די הויפנס בלייבן.

דער מענטש, אפעריירנדיק מיט דעם שכל, שאפט באגריפן פון זיך אליין. דער שכל איז טאקע לאגיש אויסגעהאלטן, שיין און קינסטלעך. אבער אלע מענטשלעכע שכל׳ס, זע־

גען נישט מער ווי שפּינוועבעכץ. ביי אַ מינדעסטן ריר צעפאַלן זיי זיך, און עס בלייבט פון זיי גאָר נישט. דאָן די, וועלכע בויען מיט דער דערפאַרונג; אמת, זיי זאַמלען אָן גאַנצע הויפנס פון איבערצייגונגען. אָבער זיי זענען, ווי די מאַראַשקע, וואָס זאַמלט מאַטעריאַלן און איז נישט בכוח זיי אויסצונוצן. דער מענטש לעבט בלויז זיבעציק יאָר. ער קען דערפאַר מיט זיין דערפאַרונג נישט באַשטימען וועגן אייביקייט. אפשר, ווען ער וואָלט געלעבט טויזנטער יאָר, וואָלט ער זיך גאָר איבערצייגט גאַנץ פאַרקערט פון דעם וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט.

פון דעם ביז אַהער געזאָגטן, איז שוין גענוג קלאָר, אַז בנוגע צו די צוויי באַגריפן, דאָס מיינט, בנוגע צו וועלט און מענטש ווייסן מיר בלויז איין זאַך, אַז דער מענטש עקזיסטירט. ער דענקט. ער אָפּערירט מיט שכל און דערפאַרונג. אָבער צי ער עקזיסטירט אויך מחוץ פון דעם מענטש עפּעס, דאָס קענען מיר נישט ווייסן. מיר קענען אפילו נישט ווייסן צי עס איז פאַראַן אַ צווייטער מענטש אויסער אונז אַליין. אפשר, איז דער צווייטער מענטש, וועמען מיר האָבן ליב, אָדער פיינט, וועמען מיר חנפ'ען אָדער באַליידיקן, גאָר נישטאָ. מיר אַלע ווייסן, אַז בשעת מיר שלאָפן, חלומען מיר, אַז מיר רעדן מיט איינעם, מיר באַליידיקן אים, אָדער מיר חנפ'נען אים. קיינער וועט נישט זיין אַזאַ נאַר צו דענקען, אַז יענער צו וועלכן מיר רעדן אין חלום, איז טאַקע פאַקטיש דאָ. יעדער ווייסט, אַז עס איז בלויז אַ חלום. אויב אַזוי, ווי קענען מיר באַהויפּטן, אַז אין דער וואָך איז פאַקטיש יאָ דאָ אַ צווייטער? אפשר איז דאָס גאַנצע לעבן בלויז אַ חלום? איין זאַך אָבער איז זיכער. אפילו דאָס לעבן זאָל זיין בלויז אַ חלום, מוז דאָך אַלץ זיין ווער וואָס חלומט. דערפאַר קענען מיר ווינקשאַפטלעך מיט זיכערקייט באַשטימען, אַז דער מענטש אַליין פאַר זיך, איז דאָ: ער חלומט אָדער ער איז וואָך; דאָס איז נישט קיין נפקא מינה. עס איז זיכער דאָ איינער וואָס דענקט, באַשטימט און מיינט. נישט מער.

.3

איך וויל אין קורצן איבערחזרן די לעצטע ווערטער פון מיין לעצטן אַרטיקל. איך האָב געבראַכט אַ מיינונג אַז מיר קענען אפילו נישט זיין זיכער צי דער מענטש, וועמען מיר זעען מיט די אויגן און רעדן צו אים, צי עקזיסטירט ער טאַקע באמת. איך האָב דערמאָנט, אַז אין חלום זעט מען אויך מענטשן און מען רעדט צו זיי, און יעדער ווייסט, אַז לא היה דברים מעולם. די חלום מענטשען עקזיסטירן בכלל נישט. אויב אַזוי, אפשר איז דאָס גאַנצע לעבן נישט מער ווי אַ חלום?

איך ווייס, אַז פאַר אַ סך פון אונז וועלן אַזעלכע ווערטער קלינגען נאַריש. וואָס מיינט דאָס, אַז דאָס

גאנצע לעבן איז נישט מער ווי א חלום? א חלום איז טאקע א חלום. אבער לעבן איז נישט קיין חלום. מיר קענען נאך גאנץ גוט אונטערשיידן צווישן א חלום און צווישן א רעאלן פאקט. איך וויל דערפאר דעם ענין אויפקלערן פון ריין וויסנשאפטלעכן שטאנדפונקט.

דער פארגלייך פון דעם לעבן צו א חלום איז בלויז א משל, כדי דורך אים לייכטער צו פארשטיין די טעאריע וואס רופט זיך סקעפטיציזם. די טעאריע באהויפטעט, אז וויסנשאפטלעך קען מען נישט באשטימען קיין שום עקזיסטענץ פאר זאכן וואס געפינען זיך מחוץ פון אונז. די עקזיסטענץ פון זאכן, וואס געפינען זיך אין דרויסן, קען פון דעם מענטש נישט באשטעטיקט ווערן. דער מענטש האט צו זיין דיספאזיציע בלויז צוויי איינציקע כלים, מיט וועלכע ער באדינט זיך ביי זיינע באשטימונגען. 1) די חושים. — 2) דער שכל. — ווי באקאנט, פארברענגט יעדער מענטש א גאנצן דריטן טייל פון זיין לעבן מיט שלאפן. א מעת-לעת האט 24 שעה, און א נארמאלער מענטש שלאפט 8 שעה אין מעת-לעת. דאס ווייזט בולט, אז יעדער מענטש חלומט א דריטל פון זיין לעבן. אין חלום אפערירן אויך די צוויי כליב. אין חלום זעט מען און מען הערט וכדומה. אין חלום אפערירט מען אויך מיט שכל. ווער קען דאן גאראנטירן, אז די אנדערע צוויי דריטעל פון דעם מענטשלעכן לעבן זענען נישט קיין חלום? עס קען גאנץ גוט מעגלעך זיין, אז די צוויי דריטל וואס דער מענטש איז וואך, זענען גאר דער אמתער חלום, און דאס איינע דריטל ווען דער מענטש שלאפט, איז א חלום אין דעם אמתן חלום? וויסנשאפטלעך מיינט דאס, אז אלץ וואס מען זעט אין דער וואך איז נישט פארלעסלעך, ווייל אזוי די חושים, ווי אויך דער שכל, נארן אונז. דער בעסטער באווייז איז, אז אין חלום דאכט זיך אונז אויך, אז אלץ איז אמת.

אבער, לאמיר לאזן דעם חלום אין א זייט. דאס פאקטישע לעבן אליין ווייזט אונז אויך, אז די חושים זענען נישט פארלעסלעך. יעדער פון אונזערע חושים איז נישט אבסאלוט זיכער. אפילו דער שטארקסטער חוש: דאס זען מיט אויגן, נארט א סך מאל אפ. מאדערנע וויסנשאפט ווייסט, אז מען קען געבן א מענטש פילן אזעלכע, וואס דאן זעט ער אלץ רויט אדער גרין. פון דעם איז אנגענומען זיכער אין דער וויסנשאפט, אז אין דעם דרויסן איז גאר נישטא קיין שום פארבן. דער דרויסן האט קיין פארב נישט. פארבען זענען בלויז א רעאקציע פון דעם מענטש. זאל א מענטש אנטאן רויטע ברילן, וועט ער זען אלץ רויט. די גאנצע כעמישע לאבאראטאריע באשטייט אין דעם, וואס אויב מען גיסט צוזאמען צוויי ערליי מיני פליסיקייטן, וואס יעדער פאר זיך איז אפשר גאר וויים; אבער

ווען מען מישט זיי צוזאמען, ווערן זיי רויט אָדער גרין.

דאָס איז שוין נישט מער קיין פילאָזאָפיש דריידל, נאָר עס איז אַ פאַקטישער אמת. מען האָט געמאַכט פאַרשידענע עקספּערימענטן, נישט מיט קיין מענטשן, ווייל אויף אַ מענטש קען מען זיך נישט פאַרלאָזען. אַ מענטש קען אָפּנאַרן זיך אַליין; במילא, קען מען אויף זיינע באַשטימונגען נישט בויען. מען האָט גענומען חיות און מען האָט זיי פאַרשידנאַרטיק אויסגעפּרוווט, און מען האָט אויסגעפונען, אַז חיות רעאַגירן אויף פאַרבן נישט איינהייטלעך. דאָס מיינט, אַז פאַרשידענע חיות זעען פאַרשידענע פאַרבן אויף פאַרשידענע אופנים. נישט דאָ איז דער פּלאַץ דעם ענין גענוי אויפצוקלערן. אָבער איין משל וועל איך ברענגען. עס איז זיכער, אַז הינער קענען דערקענען בלויז דריי פאַרבן: רויט, גרין און געל. נישט מער. מען איז דאָס דערגאַנגען גאַנץ פּשוט. מען האָט אָפּגעפאַרבט קערענדלעך פון תבואה אויף למשל רויט, און מען האָט געגעבן צו עופות. האָבן זיי, נאָך 3-4 מאָל, שוין געוווּסט אַז דאָס איז תבואה. זיי זענען געלאָפן כאַפּן די רויטע קערנדלעך. זיי האָבן געדענקט פון פריער, אַז דאָס רויט איז תבואה. אַנדערש אָבער ווען מען האָט אָפּגעפאַרבט אויף שוואַרץ, האָבן זיי מער נישט דערקענט, ווייל זיי רעאַגירן נישט אויף קיין שוואַרצע פאַרב.

דער גאָר פּשוטער באַווייז אויף דעם אַז עס עקזיסטירט נישט אין דרויסן קיין פאַרבן, איז דער באַקאַנטער עקספּערימענט. מען נעמט אַ בלעך און מען פאַרבט זי אָפּ. דאַן לייגט מען די בלעך אַרויף אויף אַן אַפּאַראַט וואָס דרייט זיך. אַזוי ווי די בלעך הייבט אָן זיך צו דריייען, פאַרשווינדט די פאַרב, און מען זעט מער נישט, נאָר ווייס. דאָס קומט פון דעם, וואָס דאָס מענטשלעכע אויג רעאַגירט אויף פאַרבן בלויז ווען זיי זענען אין צושטאַנד פון רו. אָבער אין באַוועגונג, זעט דאָס אויג אַלץ ווייס. וואַסער האָט קיין שום פאַרב נישט. אָבער דאָסזעלביקע וואַסער, ווען עס באַוועגט זיך און פאַלט אויף דעם פעלז ביים ים, באַקומט עס אַ שוים, וואָס איז ווייס. פון דעם איז צו זען, אַז אין דרויסן אַליין, אָן דעם מענטש, עקזיסטירט נישט קיין פאַרב. וואָלט זי עקזיסטירט, וואָלט זי נישט פאַרשווונדן אין דער באַוועגונג וכדומה.

אויך די אַנדערע, שוואַכערע חושים, נאָרן אָפּ. זיי זענען נישט אַבסאָלוט. מיר נעמען למשל דעם חוש פון געשמאַק, פון טעם. דאָ ווייסט יעדער איינער, אַז טעם איז נישט קיין אַבסאָלוטע זאַך. דאָס וואָס ביי איינעם האָט עס טעם גן־עדן, איז ביים צווייטן ממש צום ברעכן. אַ גוט געבראָטנס, שמעקט. אָבער קיינמאָל קען מען נישט באַהויפּטן, אַז דאָס געבראָטנס אַליין האָט אין זיך דעם געשמאַק. ווען איינער האָט נישט קיין אַפּעטיט, אָדער ער איז

חלילה קראַנק, עקלט אים פּשוט דאָס געבראָטענע פלייש. טעם, איז באַשטימט אַ ריין סוביעקטיווע זאַך און האָט מיט דעם דרויסן גאָרנישט צו טאָן. אין דרויסן איז נישטאָ, נישט קיין פאַרבן און נישט קיין קלאַנגען אָדער קלאַפּערייען. דאָס מענטשלעכע אויער רעאַגירט מיט אַ הילך אין דער לופט. אין דרויסן איז אויך נישטאָ קיין גערוך, און אַזוי ווייטער.

בנוגע צו דעם פּראָבלעם, ברענגט וויסנשאַפט אַרויס אַ זייער אינטע־רעסאַנטע דערשיינונג. כדי אָפּצולייקענען די פעסטשטעלונג פון די חושים, דאַרף מען נישט אַנווענדן קיין אַנדערן אָרגאַן, אַפילו נישט אין חוש אַקעגן דעם צווייטן, נאָר טאַקע דערזעלביקער חוש וועלכער זאָגט אונז למשל, אַז אין דרויסן איז עפּעס רויט; דערזעלביקער זאָגט אונז אַ צווייט מאָל, אַז לא היה דברים מעולם. נישטאָ אין דרויסן קיין פאַרבן. דאָס מיינט, אַז דער חוש אַליין לייקנט זיך אָפּ. אויב ער זאָגט איינמאָל אַזוי און אַ צווייט מאָל אַנדערש, קען מען אים מער קיינמאָל נישט גלייבן. פון דעם קומט די פעסטע וויסנשאַפטלעכע דעפיניציע, אַז די דערקענטניש וואָס אַ מענטש האָט בלויז פון די חושים, דורך זיין זינלעכער דערפאַרונג, זי איז נישט אמת און קען באַין אופן נישט זיין קיין יסוד פאַר אמתער־רעאַליטעט פון זאַכן וועלכע געפינען זיך אין דעם דרויסן. עס איז אַ לאָגישער יסוד, אַז אַ מענטש וועמען מען כאַפּט ביי אַ ליגן, קען מען מער נישט גלייבן אַפילו דעמאָלט ווען ער זאָגט אמת, ווייל ווער קען גאַראַנטירן פאַר זיין אמת? אפשר זאָגט ער תמיד ליגן?

פון דעם ביז אַהער געזאָגטן איז זייער לייכט צו פאַרשטיין, אַז די מיינונג פון פּשוטע מענטשן, וועלכע דענקען זיך אַז אַלץ וואָס מען זעט, מען הערט, מען טאַפּט אָן און מען פאַרזוכט, איז טאַקע דאָ און עס עקזיסטירט; אַזאַ מיינונג איז זייער נאַאיוו. עס זענען טאַקע פאַראַן אויך דענקער וואָס האַלטן אַזוי. אָבער די שיטה איז אין דער פילאָזאָפיע נישט אָנגענומען. זי רופט זיך: נאַאיווער רעאַליזם.

דער הויפּט־שווערפּונקט פון סקעפּטיציזם ליגט אין דעם צווייטן פאַקטאָר פון דער מענטשלעכער דערקענטניש, אין דעם שכל. די שיטה האַלט, אַז דער שכל איז פּונקט אַזאַ אָפּנאַרער ווי די חושים. אויך דאָס וויל איך אין קורצן אַרויסברענגען. איך האַלט, אַז כדי צו האָבן אַ שטיקל ידיעה וועגן דער דערהויבנקייט פון דעם יידישן געדאַנקנגאַנג, איז נויטיק זיך אביסל צו באַקענען מיט מיינונגען פון היינטיקע דענקער בנוגע צום מצב פון דער היינטיקער מענטשהייט.

עס איז היינט מער קיין סוד נישט, אַז וואָס מער די גרויסע דענקער האָבן זיך גענומען אינטערעסירען מיט דעם שכל, האָבן זיי זיך אַלץ מער איבערצייגט, אַז ער איז

גאַרנישט פאַרלעסלעך. מען האָט אָנגעהויבן איינצוזען, אַז שכל אַליין אַרבעט נישט זעלבסטשטענדיק. ער איז אונטערוואָרפן אונטער געוויסע געזעצן און אונטער אַ צאָל באַגרעניצטע כוחות. דער שכל פאַרטראַכט זיך אין דעם דרויסן און ברענגט אַרויס געוויסע באַשטימונגען און הנחות. אָבער ווער קען גאַראַנטירן אַז דער שכל שפּיגלט באמת אָפּ דאָס וואָס עס איז באמת פאַראַן אין דרויסן? דער שכל אַרבעט לויט זיין נאַטור. מעגלעך, אַז ער נעמט אויף דעם דרויסן גאַנץ אַנדערש פון דעם וואָס דער דרויסן איז. מיר קענען דאָס פאַרשטיין מיט אַ משל. אַן אויסגעבויגענער שפּיגל גיט איבער יעדע פיגור אויסגעהויקערט און קרום. יעדע פיגור, ווען זי שפּיגלט זיך אָפּ אין אַ קרומען שפּיגל, באַקומט זי אויך אַ קרומען פּנים, לויט די געזעצן פון די קרומע ליניעס, וואָס פון זיי באַשטייט דער שטח פון דעם שפּיגל. ווייכנשאַפט באַהויפּטעט היינט, אַז דער שכל פון דעם מענטש איז אָפּהענגיק פון דעם געבוי פונם מענטשלעכן מאַרך. וואָס פאַר אַ מין מאַרך דער מענטש האָט, אַזאַ מין שכל האָט ער. קוים איז דער מאַרך פון אַ מענטש אַביסל אַנדערש געבויט, דאַן איז אויך דער פּראָדוקט פון דעם מאַרך, — דאָס מיינט: דער שכל — גאָר אַנדערש. אָט די נייע טעאָריע האָט אינגאַנצן אונטערגעגראָבן די פאַרלעסלעכקייט פונם שכל. מיט וואָס פאַר אַ רעכט קען מען היינט זיך פאַרלאָזן אויף דעם וואָס דער שכל איז מחייב אָדער דיקטירט? פון וואַנען ווייסן מיר אַז דער אָדער יענער שכל שטאַמט פון אַ מאַרך וואָס איז געבויט גלייך, אָדער אפשר קרום? אפשר גאָר איז יעדער שכל פון אַ מענטש לכתחילה אַזוי געבויט, אַז ער זאָל אָפּשפּיגלען דעם דרויסן נישט ווי ער איז, נאָר אין אַן אַנדערע געשטאַלט? היינטיקע וויסנשאַפט הויבט אָן קלערן, אַז אפשר איז דער מענטשלעכער שכל אַזוי געשאַפן, אַז ער זאָל איבערגעבן אַלע דרויסנדיקע זאַכן אין פאַרדרייטקייט און קרומקייט. אפילו מיר זאָלן אָננעמען, אַז דער שכל איז לכתחילה יאָ געשאַפן צו קענען איבערגעבן דעם דרויסן ריכטיק; אָבער מיר זעען דאָך, אַז נישט אַלע מענטשן האָבן אַ גלייכן שכל; נישט אַלע מענטשן האָבן אַ גלייכן מאַרך. ביאָלאָגן שטודירן דעם מאַרך פון מענטשן און געפינען אַז ביי יעדן מענטש איז פאַראַן פאַרשידנקייט אין מאַרך. דאָס מיינט, אַז עס זענען פאַראַן פאַרשידנקייטן אין זייערע שכל׳ס.

אָט די נייע וויסנשאַפטן האָבן דאָס אָנגעמאַכט אַ גאַנצע רעוואָלוציע בנוגע צו דעם מהות פון דער מענטשלעכער לאָגיק. אַמאָל האָט מען געמיינט, אַז שכל איז ביי אַלע מענטשן איין און דערזעלביקער. במילא האָט מען אויך אָנגענומען, אַז שכל איז דער וואָס באַשטימט דעם אמת. היינט אָבער, ווען מען ווייסט אַז שכל איז גאָר אַ פּראָדוקט פון דעם בוי פון מאַרך; מען ווייסט אויך, אַז יעדער מאַרך איז

גאָר אַנדערש געבויט; ווי קען דאָן שכל זיין דער דעציידירער ווענן אמת פון דעם דרויסן?

4.

איך וויל איצט מאַכן אַ גאָר קורצען סך־הכל פון דעם וואָס איך האָב ביז איצט געשריבן. איך האָב קודם כל אַרויסגעבראַכט, אַז די מענטשלעכע חושים זענען גאָרנישט פאַרלעסלעך. דאָן האָב איך אָנגעהויבן אויפצוקלערן די נישט פאַרלעסלעכקייט פון דעם מענטשלעכן שכל. אויב שכל פון דעם מענטש הענגט אָפּ פון דעם געבוי פון זיין מאַרך, מוז מען מודה זיין, אַז היות דער מאַרך איז נישט גלייך געבויט ביי יעדן מענטש, זענען במילא פאַראַן פאַרשידענע שכל׳ס. דאָס האָט דערפירט צו אַ גאַנצע רעוואָלוציע בנוגע צום מהות פון דעם מענטשלעכן אמת. אַמאָל האָט מען געמיינט, אַז אמת באַשטייט אין דעם וואָס דער שכל דיקטירט אונז, אַז אַזוי אָדער אַזוי, איז די אָדער יענע זאַך, וואָס געפינט זיך מחוץ פון אונז. מען האָט אויך תמיד געמיינט, אַז דער שכל איז ביי יעדן מענטש גלייך, במילא איז אַלץ וואָס דער שכל דיקטירט אמת. פון דעם איז אויך אויסגעקומען, אַז אויב איינער האָט געזאָגט עפּעס אַקעגן אַ געווייסן שכל, האָט מען אים באַטראַכט פאַר אַ שקרן, אַ ליגנער אָדער אַ נישט נאָרמאַלן. הייַנט ווייסט מען, אַז שכל מיינט נאָר דאָס וואָס דער מענטש מוז, על פי טבע פון זיין מאַרך, אָננעמען פאַר שכלדיק. שכל און אמת זענען גאָר צוויי באַזונדערע באַגריפן. דעם אמת פון דעם דרויסן קען מען בשום אופן נישט דערקענען. דאָס וואָס דער מענטש באַשטימט מיט זיין שכל, אַז אַזוי אָדער אַזוי, איז עפּעס אין דרויסן; דאָס האָט מיט דעם אמתן דרויסן גאָר ווייניק צו טאָן. דאָס איז בלויז אַ פּראָדוקט פון דער אָפּשפּיגלונג וואָס קומט פאָר אין דעם מענטשלעכן מאַרך.

עס איז זייער וויכטיק זיך צו באַקענען מיט דער טעאָריע, ווייל זי קלערט פאַר אונז אויף אַ סך פאַרוויקלטע פראַגן פונם לעבן. לויט אַט דער טעאָריע האָט קיין מענטש נישט קיין רעכט צו באַהויפּטן, אַז דער היינטיקער דור איז מער ביים אמת פונם פריערדיקן. דער אַמאָליקער דור איז נישט געווען ווייניקער ביים אמת פונם פונם היינטיקן. אין יענער אַמאָליקער צייט האָט דער מענטשלעכער שכל געוויזן, על פי נאַטור פון דעם אַמאָליקן געבוי פון דעם מאַרך, אַז אַזוי אָדער אַזוי איז ריכטיק. זיי האָבן דערפאַר יענעם שכל אָנגענומען פאַר אמת. אין אונזער היינטיקער צייט ווייזט אונז אונזער געבוי פון דעם מאַרך, אַז ריכטיק איז אַ גאָר אַנדערע לאָגיק. דערפאַר רעדן מיר זיך איין, אַז מיר זענען דערגאַנגען דעם אמת. אָבער דאָס איז בלויז אַן איינרעדעניש, ווייל אונזער שכל איז נישט אַבסאָלוט. אונזערע קינדער דענקען שוין מיט אַ גאָר אַנדערן שכל, ווייל זיי־

ער געבוי פון זייער מארך איז אנ־דערש פון אונזערן און אויך זייער שכל איז נישט קיין אמת. אויך ער וועט זיך טוישן מיט דער צייט.

אין אונזער היינטיקער צייט איז מען געקומען צו א באשלוס, אז אפילו ווען ביידע מענטשלעכע אר־גאנען (די חושים און דער שכל), ארבעטן צוזאמען און ביידע צוזא־מען באשטימען עפעס, איז דאס אויך נאך נישט קיין באוויז אויף דעם אמתדיקן אמת.

דאס פארוויקלטע פראבלעם וויל איך אויפקלערן מיט א ביישפיל פון דעם מאדערנעם לעבן. בנוגע דעם אמת פון די מענטשלעכע חושים האט די טעכנישע וויסנשאפט גע־מיינט, אז זי האט געפונען די לייזונג און איז דערגאנגען צום כוד פון דער פארלעסלעכקייט פון דער סענסועלער וועלט. איך האב דער־מאנט, אז דאס אויג האט זיך ארויסגעשטעלט אלס נישט פארלעס־לעך. דאס אויג איז א טייל פון דעם מענטשלעכן ארגאניזם. אויב דער מענטש איז דער וואס שאפט זיך דאס בילד פון דרויסן, קען דאס נישט זיין קיין אמת. אין נייצנטן יארהונדערט איז דערפונדן געווארן דער אפאראט וואס רופט זיך פאטא־גראף. די פילאזאפן האבן דעם אפאראט געכאפט אלס א מציאה פאר דער פילאזאפישער וועלט. א קליינ־קייט! דער אפאראט איז נישט קיין ארגאניזם און איז נישט קיין מענטש וואס קען אפנארן. עס איז א טויט גלאז. אן שכל, אן געדאנק, און גיט איבער געטריי אלץ וואס עס געפינט זיך אין דרויסן. עס נעמט אויך אויף דעם דרויסן אזוי ווי ער איז, דערפאר קען מען אננעמען, אז דאס וואס דער אפאראט ווייזט איז טאַ־קע אמתדיקער אמת. אזוי האט דיק־טירט דער שכל אין דעם 19־טן יאר־הונדערט. דער שכל און דאס פאטא־גראפיש אויג האבן דעמאלט געאר־בעט בשותפות, דערפאר האט מען באשלאסן, אז א פאטאגראפיש בילד איז 100 פראצענט אמת.

דער פאטאגראפישער אפאראט, האט פאר פילאזאפיע געדינט אלס ארגומענט אויף צו קענען באוויזן, אז דאס מענטשלעכע אויג זעט טאַ־קע אמתדיקע בילדער. אט איז א טויט גלאז און עס נעמט אויף אין שטעלט פאר בילדער פונקט ווי דאס מענטשלעכע אויג טוט עס.

אין דער גאנצער מאדערנער וועלט איז דערפאר דאס פאטאגראפישע בילד דעמאלט אנגענומען געווארן אלס פארלעסלעך. א דאקומענט מיט א פאטאגראפיע, איז אפילו בנוגע צו קרימינעלע פראצעסן באטראכט געווארן אלס קארפוס דעליקטי, וואס קיינער קען נישט אפלייקענען. א פאטאגראפיע אויף א פאספארט, אויף א באשטעטיקונג, איז געווען מער באגלויבט פון אן אונטער־שריפט. אן אונטערשריפט קען מען נאכמאכן. אבער א פאטאגראפיע איז אמת. א מענטש האט א מארך מיט געהירן, און מעגלעך אז ער שפיגלט אפ אנדערש ווי עס איז באמת. אבער

א פאטאגראפישער אפאראט, האט דער שכל געזאגט, גיט איבער געטריי און גענוי דאס בילד וואס עס שטעלט פאר. ביים פאטאגראפישן אפאראט האבן ביידע ארגאנען, דער שכל און דער חוש (דאס אויג), זיך פאראייניקט, און ביידע האבן דיקטירט אז זיין בילד איז אן אמת.

אבער מיט דער צווייטער וועלט־מלחמה, האט זיך ארויסגעשטעלט, אז דער אפאראט איז דער גרעסטער שווינדלער וואס איז נאר פאראן. ער מאכט פשוט חרוב די וועלט מיט זיין שקר. זייט די וועלט שטייט, איז נאך אזא מין פאלשקייט נישט געווען. אין דער צווייטער מלחמה, האט מען זיך באדינט מיט דעם אפאראט צו איבערגעבן בילדער, וואס לא היה ולא נברא. מען האט מיט דעם אפאראט געפירט מענטשן, פשוט אין באד אריין. מען האט פארגעשטעלט בילדער פון גענגסטערס אלס די איידלסטע צדיקים, און בילדער פון צדיקים אלס די שרעקלעכסטע מערדער. מען ווייסט היינט גאנץ גוט, אז מיט אלבומס פון געוויסע לענדער קען מען מיינען, אז עס איז דארט א גן־עדן, און באמת איז דארט א גיהנום. עס איז היינט פאר קיינעם קיין סוד נישט, אז רוסלאנד שיקט ארויס גאנצע וואגאנען מיט פראפאגאנדע־מאטעריאל, וואס שטעלט פאר דעם רוסישן פויער, ווי ער וווינט אין א שיינע באקוועמע דירה, מיט כל טוב וטוב. דאקעגן ווייזט מען דארט אין רוסלאנד, וויאזוי אן אמעריקאנער פויער לעבט אין עלנט און דחקות, אז עס איז פשוט א שרעק צוצוקוקן. דער רשע ימח שמו היטלער, האט אויך צושיקט בילדער פון קאנצענטראציע־לאגערס. די בילדער האבן פארגעשטעלט דאס אידילישע לעבן פון די העפטלינגע, מיט עסן און טרינקען, מיט קינאס און מוזיק. קיינמאל וואלט מען נישט געווען געקענט אזוי אומפארשעמט אפנארן די וועלט, ווי מען קען דאס טאן היינט, מיט דעם אפאראט פון דער פאטאגראפיע. דאס מיינט, אז דער אמאליקער אמתדיקער אמת, האט זיך ארויסגעשטעלט אלס דער גרעסטער שקר.

היינט, וועט קיין שום פאראנטווארטלעך אמט נישט גלויבן אין פאטאגראפיע. אלע פאליציייאישע באהערדן נעמען בכלל נישט אן קיין פאטאגראפיע. מען מוז געבן א פינגער־פרינט. מען מוז אראפנעמען א בילד פון דעם דרוק פונם מענטשלעכן פינגער. נאר דאס איז באגלויבט.

דאסזעלביקע איז אויך געשען מיט א צווייטן חוש; מיט דעם מענטשלעכן אויער. ווען מען האט דערפונדן די מאשין וואס רופט זיך רעקארדער, האט מען אויך געמיינט, אז אט האט מען דערגרייכט דעם אמת. דער רעקארדער איז טויט. ער האט נישט קיין מארך. ער כאפט אויף די קלאנגען אזוי ווי זיי זענען — און דערפאר איז דאס וואס ער גיט איבער 100 פראצענט אמת.

מעגלעך טאַקע איז, אַז דאָס מענטש־לעכע אויער נאַרט אָפּ. אָבער אַ רע־קאָרדער קען נישט נאַרן. מען האָט אויך געמיינט, אַז ביים רעקאָרדער קען מען גאָרנישט פעלשן. ביים פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט מוז מען פוצן, רעטושירן, ווייקן אין וואַסער מיט פאַרשידענע כעמיקאַלן, איז במילא פאַראַן מעגלעכקייטן פון פעלשן. אָבער ביים רעקאָרדער, וואָס גיט גלאַט איבער אַ קלאַנג, אַ שטי־מע, אַ קול; וואָס איז דאָ פאַראַן צו פעלשן? ווידער האָט מען געמיינט אַז מען האָט געכאַפּט דעם אמת.

אָבער, די נאָך־מלחמה יאָרן האָבן דעם רעקאָרדער אויך אַרויסגעשטעלט אַלס ליגנער פון דער ערשטער קלאַס. אין די לעצטע 20־ער יאָרן האָט מען דערפונדן אַ מאַשין וואָס קען פעלשן די מענטשלעכע שטימע, און אַ מאַשין וואָס קען נאָכמאַכן די מענטשלעכע שטימע. היינט איז לייכט מעגלעך, אַז מען זאָל אויפ־שטיין אין אַ שיינעם פרימאָרגן און דערהערן פון מאָסקווע די שטימע פון היטלער, אַז למשל מערב־דייטשלאַנד זאָל זיך פאַראייניקן מיט מזרח־דייטשלאַנד, אונטער דעם קאָ־מוניזם, די דייטשן פון מערב זאָלן איבעררייסן מיט אַמעריקע און אַזוי ווייטער. אַזאַ זאַך איז היינט גאָר לייכט מעגלעך. שטעלט אייך פאָר וואָס פאַר אַן אומגליק אַזאַ מין שקר וואָלט געקענט ברענגען. עס וואָלט פשוט געקענט חרוב מאַכן די וועלט.

אַן אַמעריקאַנער ליטעראַט האָט דאָ אַנומלט געשריבן אין אַן אַר־טיקל, אַז די אַמעריקאַנער זאָלן זיין גרייט, אַפילו אויף אַזאַ מין וואַכ־טורע. די רוסישע פּראָפּאַגאַנדע קען נאָך אַמאָל אַרויסנעמען לענינען פון קבר און אים אַוועקשטעלן אין טעלעוויזיע, און ער וועט רעדן צו דער גאַנצער וועלט וועגן דעם גן־עדן פון דעם קאָמוניזם.

ווי איר זעט, קענען די מענטש־לעכע חושים אין היינטיקער צייט אַזוי אָפּנאַרן, אַז אַפילו אַ טויטער זאָל אויפשטיין תחית־המתים און לעבן אין וואָרט און אין בילד (פאָ־טאָ און רעקאָרד). דער אַפּאַראַט איז כחומר ביד היוצר ביים מענטש. דער מענטש קען דעמאָראַליזירן: אי דעם פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט, אי דעם רעקאָרדער.

קיינמאָל האָבן ליגן און שווינדל נישט געהאַט אַזעלכע מעגלעכקייטן אין דעם לעבן פון דעם מענטש, ווי זיי האָבן היינט, אין אונזער צייט.

אַן ענגלישער ליטעראַט האָט אָנ־געשריבן אַ בוך, אין וועלכן ער שילדערט דעם מצב פון היינט, נאָך אַלע גרויסע דערפינדונגען, מיט וועלכע מען גרויסט זיך אַזוי שטאַרק און מען מיינט אַז מען מאַכט פאָר־שריט. דער ליטעראַט שטעלט פאָר דאָס פּראָבלעם פון די גרויסע מענ־טשן אין זשעניען אין אונזער היינ־טיקער צייט. ער באַהויפּטעט, אַז קיינמאָל זענען גרויסע מענטשן נישט געווען אין אַזאַ מין טראַגישע לאַגע

ווי היינט. זיי זענען מיט זייערע אוייגענע אויגן ווי הילפלאָז זיי זענען לגבי זייערע אייגענע דערפינדונגען. אַלע זייערע גרויסע אַנטדעקונגען און זייערע שכלדיקע אויפטואונגען, ווערן פאַרשוועכט און דערנידעריקט פון פאַרש־דענע דעמאַגאָגן, פאָליטיקער און אויסוורפן. עס איז באַקאַנט, אַז איינשטיין האָט אין זיינע לעצטע יאָרן נישט געקענט רוען. עס האָט אים געפּלאָגט דער געדאַנק. אַז ער האָט געמאַכט דעם גרעסטן טעות אין זיין אייגן לעבן. דער גרעסטער חכם אין זיין צייט, אָבער פילאָזאָפיש גענומען, האָט זיך אויס־געלאָזט אַז ער איז געוועזן דער גרעב־טער טיפּש. ער האָט זיך איינגע־רעדט, אַז ער אַרבעט לטובת דער מענטשלעכער ברכה. צום סוף גאַר, האָט ער אַרייַנגעלייגט ראשו ורובו פאַר דער מענטשלעכער קללה. ער האָט אוועקגעגעבן זיינע כוחות און זיינע ענערגיעס פאַר דעם חורבן פון דער וועלט.

5.

אין מיין לעצטן אַרטיקל האָב איך דערמאָנט, אַז גרויסע דענקער האַלטען, אַז מען האָט נישט קיין רעכט אַנצונעמען, אַז דער היינטיקער דור איז מער ביים אמת ווי דער אמאָליקער. מען קלאַפּט זיך היינט על־חטא אויף דעם וואָס מען האָט אַמאָל געמיינט. אַז וואָס אַמאָל ווייַטער, דערנענטערט מען זיך אַלץ מער צום אמת. אין צייטן פון רע־נעסאַנס, ווען מען האָט געקעמפט אַקעגן דעם פינסטערן מיטלאַלטער, האָט מען געמיינט אַז מען האָט געכאַפּט דעם אמתדיקן אמת. אַ קלייניקייט! וואָס פאַר אַ פינסטערניש עס האָט געהערשט אין דעם מיטלאַלטער! דעמאָלט האָט מען געגלויבט אין שדים און רוחות; אין בייזע גייסטער און אין נאַרישע חלומות, וועלכע האָבן געפירט צו פאַלשע פאַרשטעלונגען וועגן וועלט און מענטש. מיט דעם אויפבלי פון דעם רענעסאַנס זענען די אַלע באַ־בע־מעשיות פון מיטלאַלטער אָפּגע־שפּאָט געוואָרן און מען האָט אָנגעהויבן צו באַפאַסן בלויז מיט רעאַ־לער נאַטור־וויסנשאַפט; מיט עקס־פּערימענט און שכל. מען האָט באַ־זונגען די נאַטור־וויסנשאַפט און מען האָט גערעדט פון אַ זון וואָס האָט אויפגעשיינט אויף דער מענטש־הייט מיטן דעם אָפּשאַפן פון דער מיטלאַלטערלעכער כמאַלאַסטיק אין פאַנאַט זם.

האָבן מיר זיך דערלעבט היינט צייטן, אין וועלכע מען קומט אַרויס מיט וויסנשאַפטלעכע באַהויפּטונגען, אַז דער מין וויסן וועלכער הערשט היינט, און צוליב וועמען מען האָט אָפּגעשאַפט דעם מיטלאַלטער, שטייט נישט אַ ברעקל העכער פון יענעם מין וויסן, וועלכער האָט געהערשט אין מיטלאַלטער. אויב דאָס וויסן פון מיטלאַלטער איז געווען פינס־טער און פאַנאַטיש, איז דאָס וויסן

פון דעם היינטיקן דור, חושך אפלה; פאַלש און נידעריק.

מען קען אפילו נעמען דעם פאַנאַטישן גלויבן אין שדים און רוחות, וואָס איז געווען אַזוי שטאַרק פאַרשפּרייט אין מיטלאַלטערלעכע צייטן. אפילו בנוגע צו דעם פאַנאַטיזם האָבן מענטשן פון היינט נישט געמאַכט קיין שום פאָרשריט. עס איז כמעט דיזעלביקע יענטע, נאָר אַנדערש געשלייערט. דער 20־סטער יאָרהונדערט האָט דערפירט צו אַ וויסנשאַפט, וואָס קומט זייער אָפט צו אַ רעזולטאַט, אַז די אָדער יענע דערשיינונג איז אַ קאָנסעקווענץ פון אַ געוויסן נאַטור־געזעץ, אָדער נאַטור־קראַפט, אָדער נאַטור־ענערגיע וכדומה. וואָס עס מיינט דאָס נאַטור־ענערגיע, נאַטור־קראַפט, אָדער נאַטור־געזעץ, ווייסט מען נישט. אין מיטלאַלטער, ווען מען האָט זיך באַגעגנט מיט אַן אומפאַרשטענדלעכער דערשיינונג, האָט מען געזאָגט: דאָס איז אַ שד, אַ רוח, אַ דיבוק וכדומה. רעלאַטיוו גענומען, איז יענער צוגאַנג פון דעם מיטלאַלטער געווען מער אמת ווי דער היינטיקער. יענע פינסטערע דורות פון מיטלאַלטער, ווען זיי האָבן גערעדט פון שדים, רוחות און דיבוקים, האָבן זיי אַליין ווייניקסטנס געגלויבט אין דעם וואָס זיי האָבן באַהויפּטעט. זיי זענען ביי זיך אַליין געווען זיכער, אַז עס עקזיסטירן שדים און רוחות. זיי האָבן ממש די שדים געזען מיט זייערע אויגן. זיי האָבן נישט בלויז געגלויבט אַז אַ דיבוק קען אַריין אין אַ מענטש, נאָר זיי האָבן ממש בידים אָנגעטאַפּט דעם דיבוק אין אַ מענטש. זיי האָבן די דיבוקים געטריבן. זיי האָבן אין זייערע גלויבונגען געלעבט מיט זייערע אַלע אברים. אין דער היינטיקער, מכלומרשטער ליכטיקער צייט פון דער וויסנשאַפט, וואָס אָפּערירט מיט עקספּערימענטן און שכל; ווען מען קומט צו אַן אומפאַרשטענדלעכער דערשיינונג, זאָגט מען: עס איז אַ נאַטור־קראַפט, אַ נאַטור־געזעץ, אַ נאַטור־ענערגיע; עס איז עלעקטריק, אַטאָם, ענערגיע וכדומה. מיט וואָס איז דער היינטיקער דור העכער איידער יענער דור, וואָס האָט געזאָגט אַז עס איז אַ שד, אַ רוח וכדומה. די היינטיקע מאַסן נעמען אויף די באַשטימונגען פון די היינטיקע וויסנשאַפטלער מיט דערזעלבער נאַאיווקיי פונקט ווי די אַמאָליקע מאַסן האָבן אויפגענומען די באַשטימונגען פון די אַמאָליקע חכמים, — וועלכע האָבן געזאָגט אַז עס איז אַ שד, אַ רוח וכדומה. יענע פינסטערע דורות זענען געווען מער אויפגעקלערט בנוגע זייערע גלויבונגען איידער די היינטיקע בנוגע זייערע וויסנשאַפטלעכע דערקענטנישן. אין אַנדערע ווערטער מיינט דאָס, אַז די היינטיקע מאַסן נעמען אויף די היינטיקע וויסנשאַפטלעכע באַהויפּטונגען אויף דעם זעלביקן שטייגער ווי די פינסטערע

דורות האבן אמאל אויפגענומען די באהויפטונגען פון דעם פאנאטישן מיטלאלטער. די היינטיקע מאסע פארשטייט א סך וויניקער דעם סוד פון א טעלעוויזיע, פון א ראדיא, פון אן אטאם, און אפילו פון עלעקטריק, איידער די אמאליקע דורות האבן פארשטאנען די באגריפן פון שדים און רוחות וכדומה.

איך ווייס, אז דאס וואס איך ברענג דא איצט ארויס איז נישט לייכט צו פארשטיין, דערפאר האלט איך עס פאר נויטיק דעם ענין אביסל דייטלעכער אויפצוקלערן.

אין מיינע פריערדיקע ארטיקלען, האב איך געשילדערט די מיינונג פון היינטיקער פילאזאפיע, וואס נעמט אן, אז די גאנצע דרויסנדיקע וועלט איז פאר דעם מענטש פארשטעלט. וואס עס געפינט זיך באמת אין דרויסן, איז דער מענטש קיינמאל נישט אומשטאנד צו דערקענען. דער מענטש זעט פארבן; ער הערט קלאנגען; ער טאפט אן; ער שמעקט; אבער אלץ זענען דאס בלויז מענטשלעכע רעאקציעס. אין דרויסן זענען נישטא קיין פארבן, קיין קלאנגען און קיין געשמאק. דער מענטש שאפט זיך אליין די באגריפן און ער שטעלט זיי אריין אין דעם דרויסן. מאדערנע וויסנשאפט האט דערפונען, אז אין דער נאטור איז פאראן א כוח וואס קען באוועגן, ברענגען און אומענדערן פארשידענע פארמען. דער מענטש האט קיין ידיעה נישט וואס דער כוח איז. ער ווייסט אז דער כוח קומט פון א פאראייניקונג פון צוויי שטראמען; פון א פאזיטיוו און א נעגאטיוו. דער מענטש האט דעם כוח א נאמען געגעבן: עלעקטריק. דער מענטש האט אויך אויסגעפונען א כוח וואס קומט ארויס פון דעם אויפלייזן פון אינערציעלער קראפט, און האט דאס אנגערופן אטאם. דאסזעלבע איז געשען מיט ראדיא, מיט טעלעוויזיע. דאס זענען נעמען פאר געוויסע כוחות. קיין שום מענטש פון דער מאסע האט נישט אפילו די מינדעסטע ידיעה וואס די כוחות זענען. אפילו וויסנשאפטלער וואס אפערירן מיט די כוחות, ווייסן כמעט גארנישט וועגן דעם וואס די כוחות אליין זענען. עלעקטריק, ראדיא און אטאם, דאס זענען לפי זה בלויז מענטשלעכע שאפונגען. מענטשן האבן פאר די כוחות ארויסגעזוכט נעמען און רופן זיי אזוי. די נעמען גיבן קיין שום קלארן באגריף נישט וועגן דעם כוח וואס איז פאראן אין דער זאך, וואס דער נאמען באטייטלט זי. אויב אזוי, מיט וואס שטייט דער נאמען עלעקטריק, ראדיא אדער אטאם, העכער אדער אמתער פון דעם נאמען שד, רוח וכדומה? מיט זיי האט מען אויך אמאל באטייטלט כוחות, וואס מען האט אייך נישט געוויסט וואס זיי זענען, אבער מען האט זיי אנגערופן מיט אזעלכע נעמען. אמאל האט די מאסע אנגענומען די באהויפטונגען

פון יענע צייטן, פון די סכאָלאַסטיקער און פון די מיטלאַלטערלעכע דענקער. היינט נעמט די מאַסע אויף די באַהויפּטונגען פון די וויסנשאַפטלער און פיזיקער. אָבער דער היינטיקער המון האָט נישט קיין ברעקל מער באַוווסטזיין וועגן די היינטיקע דערשיינונגען, איידער די אַמאָליקע האָבן געהאַט וועגן די דערשיינונגען אין זייער צייט. נאָך מער: דעמאָלט, ווען די מאַסן האָבן געגלויבט אין שדים און אין רוחות, זענען פאַר זיי די שדים געווען א סך מער רעאַל און א סך מער פאַרשטענדלעך, איידער די היינטיקע באַגריפן פון ראַדיאָ, אַטאָם און טעלעוויזיע. מיט דעם באַגריף פון שד אָדער רוח, האָט דער דאַמאָלדיקער מענטש זיך א סך בעסער און לייכטער דערקלערט די דערשיינונגען, איידער דער היינטיקער מענטש דערקלערט זיך דעם באַגריף פון ראַדיאָ אָדער אַטאָם. נאָך מער: דער אַמאָליקער, ווען ער האָט געהאַט א באַגריף פון א שד, האָט ער טאַקע כסדר געלעבט מיט דעם באַגריף און אָפּערירט מיט דעם באַגריף. ער האָט אריינגעקלערט וועגן אים. דער היינטיקער, פּשוטער מענטש פון גאַס, האָט אפילו קיין שום אינטערעס נישט זיך צו פאַרטיפן אָדער וועלן פאַרשטיין, וואָס מען מיינט ראַדיאָ אָדער אַטאָם.

פון דעם ביז אַהער געזאָגטן שטעלט זיך ארויס, אז דער היינטיקער מאָדערנער מענטש האָט גאָר קיין רעכט נישט צו גיין מיט א הויכן קאָפּ און זיך אויסצולאַכן פון די אַלטע, אַמאָליקע צייטן. די איינרעדעניש אז מען איז פּראָגרעסיוו און מען שרייטעט פאָר, איז נישט אמת. מען האָט בלויז היינט מער באַקוועמלעכקייטן. אָבער אויפגעקלערט וועגן דעם אינהאַלט פון וועלט און מענטש איז מען נישט א האָר מער ווי אַמאָל. די היינטיקע, קלינגענדיקע נעמען, פאַר כוחות וואָס הערשן אין אוניווערס, זענען נישט מער פאַרשטענדלעך פון די אַמאָליקע. אַמאָל האָבן די סכאָלאַסטיקער געגעבן נעמען. היינט גיבן די פיזיקער און כעמיקער נעמען צו פאַרשיידענע כוחות, וועלכע זיי אַליין הויבן נישט אָן צו וויסן וואָס די כוחות זענען. דער המון נעמט אויף די באַשטימונגען פון די היינטיקע חכמים מיט דעמזעלביקן צוגאַנג און צוטרוי, אַזוי ווי ער האָט דאָס געטאָן אַמאָל.

איין פונקט דאַרף נאָך אויפגעקלערט ווערן. מען קען זאָגן, אז עס איז נישט אינגאַנצן אַזוי. אמת, אז בנוגע צום המון, איז עס דיזעלביקע יענטע, נאָר אַנדערש געשלייערט. דער המון האָט אַמאָל אויפגענומען די באַהויפּטונגען פון די דאַמאָלדיקע חכמים מיט דעמזעלביקן צוטרוי ווי היינט. דער המון האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין באַוווסטזיין. ער האָט בלויז געגלויבט. אויך היינט ווייסט ער גאָר נישט, נאָר גלויבט. אָבער די חכמים זענען דאָך היינט אַנדערע ווי אַמאָל. אַמאָל זענען דאָס געווען פינסטערע,

אבערגלויבישע גלחים און סכאָלאַס־טיקער פון מיטלאַלטער; היינט זע־נען די חכמים גרויסע געלערנטע און אוניווערזיטעט־פּראָפעסאָרן מיט אָפענע קעפּ. זיי מעג מען גלויבן, אַפילו בלינד; אַפילו ווען מען פאַר־שטייט אַליין גאָרנישט. מען קען דערפאַר נישט פאַרגלייכן דעם היינ־טיקן מצב צו דעם מצב פון דעם מיטלאַלטער.

אָט דאָ קומען מיר צו דעם אמתן פּראָבלעם פון דער היינט־קער צייט. דווקא בנוגע צו דער פראַגע; דאָס מיינט, בנוגע צו די חכמים פון היינט, איז פילאָזאָפיש גענומען, נישטאָ קיין פאָרשריט, נאָר א צוריקשריט. אַמאָל, אין דעם פינסטערן מיטלאַלטער, האָט דער המון געגלויבט זייערע חכמים. יס איז אָבער דעמאָלט געווען אין מעלה, וואָס היינט איז זי בכלל נישטאָ. אַמאָל זענען וויניקסטנס די חכמים אַליין, די אַזוי־גערופענע גייסטיקע מנהיגים, געווען ביי זיך איבערצייגט, אַז דאָס וואָס זיי פּ־ע־דיקן איז אמת. דער עולם האָט גע־גלויבט דעם חכם, און דער חכם איז געווען ביי זיך זיכער, אַז דאָס וואָס ער לערנט איז אמת. היינט איז אַנ־דערש. היינט גלויבט דער המון דאָס וואָס וויסנשאַפט לערנט, און די חכמים פון וויסנשאַפט דערקלע־רען, אַז זיי אַליין וויסן גאָרנישט זיכער. פּאַרקערט: זיי זענען זיכער, אַז אַבסאָלוט וויסן זיי גאָרנישט, און אַלץ וואָס זיי באַלויכטן איז בלויז רעלאַטיוו.

היינטיקע וויסנשאַפטלעכע ארבעטן אַלע בלויז אויף דעם פעלד פון גוף און נישט אויף דעם פעלד פון ווערטפולקייט. אויף דעם פעלד פון גוף איז קיינמאָל נישטאָ קיין שום אינטערעס פון ווען פאַרשטיין דעם קעגנשטאַנד. דער פויער אַקערט אין פעלד; דער ארבעטער בויט א הויז. עס פעלט זיי ביידע קיינמאָל נישט איין אריינצוקלערן פאַרוואָס די ערד גיט ארויס פרוכט; פון וואָס פאַרא עלעמענטן איז די ערד צונויפגעש־טעלט; אָדער פון וואָס די מאַטע־ריאַלן פון הויז זענען אנטשטאַנען. אַזוי ארבעט היינט וויסנשאַפט. מען אָפּערירט מיט עלעקטריק, מיט ראַ־דיאָ און מיט אַטאָם. עס אינטערע־סירט קיינעם נישט צו וויכן, וואָס די עלעמענטן זענען. דער עיקר: מען קען זיי באַנוצן צו די אָדער יענע צוועקן. אַזעלכע חכמים קענען נישט באַהויפּטן אַז זיי שטייען — אין ווערטפולן זין — העכער פון די אַמאָליקע, מיטלאַלטערלעכע דענקער.

6.

איך בין געצוווּנגען אביסל מער אויפצוקלערן דעם ענין, ביי וועלכן איך בין שטיין געבליבן אין מיין לעצטן ארטיקל. איינער פון מיינע לייענער האָט מיך געפרעגט: סטייטש! וויאַזוי קען מען עפּעס באַהויפּטן אַז היינטיקע מאָדערנע, אויפגע־קלערטע מענטשן שטייען נישט הע־כער פון די אַמאָליקע, יעדער לאַ־גיש דענקענדיקער מענטש מוז צו־געבן, אַז קיינמאָל האָבן מענטשן

נישט דערגרייכט אַזויפֿיל פֿאַרשריט אין לעבן ווי דער היינטיקער דור. קיין שום עפּאָכע אין דער מענטשלעכער געשיכטע קען זיך נישט פֿאַרגלייכן צו אונזער היינטיקער צייט, מיט אירע וווּנדערלעכע אַנטדעקונגען און דערפֿינדונגען, אויף אַלע געביטן פֿון מענטשלעכן לעבן. מאָדערנע וויסנשאַפֿט האָט באַרייכערט און פֿאַרגרעסערט דעם סכום פֿון דעם מענטשלעכן וויסן. עס איז דערפֿאַר נישט ריכטיק צו באַהויפּטן, אַז דער היינטיקער דור האָט נישט קיין רעכט זיך צו שטעלען העכער פֿון די אַמאָליקע דורות.

איך בין זיך מודה, אַז פֿאַר דעם סתם־מענטש איז שווער אָנצונעמען, די מיינונגען וואָס איך האָב אַרויסגעבראַכט אין מיינע ביז איצטיקע אַרטיקלען. דער סתם־מענטש אורטיילט לויט דעם איינדרוק וואָס ער האָט, קוקנדיק אויף די אויסערלעכע דערשיינונגען פֿון דעם לעבן ער פֿאַרגלייכט דעם דרויסנדיקן אופֿן פֿון דעם היינטיקן לעבן מיט דעם דרויסנדיקן אופֿן פֿון דעם אַמאָליקן לעבן. געוויס! פֿון אַזאַ מין פֿאַרגלייך מוז מען קומען צו אַ באַשלוס, אַז דאָס היינטיקע לעבן שטייט העכער פֿון דעם אַמאָליקן. אַנדערש אָבער איז דער אורטייל פֿון טיפֿע דענקער. פֿאַר זיי שפּילט דער דרויסנדיקער אופֿן פֿון לעבן אַ גאָר קליינע ראָלע. זיי פֿאַרטראַכטן זיך בלויז אין דער באַוווּסטזיניקייט וואָס הערשט הייות אין דער מענטשהייט, אַקעגן דער באַוווּסטזיניקייט וועלכע האָט עקזיסטירט אַמאָל. אַזאַ מין פֿאַרטראַכטונג ברענגט אַרויס אַ גאָר אַנדערן סך־הכל. טיפֿע דענקער ווייזן אויף, אַז דאָס באַרייכערן און פֿאַרשענערן פֿונם דרויסנדיקן אופֿן פֿון לעבן, גייט גאָר נישט געפּאָרט מיט אַ העכער־ער און מער ווערטפֿולע באַוווּסטזיניקייט וועגן דעם לעבן גופֿא. אין אַ דעפֿיניטיווער פֿאָרם הייסט עס, אַז וואָס מער מען געניסט פֿון דער דרויסנדיקער זייט פֿונם לעבן, אַלץ אויסגעליידיקטער און אָרימער ווערט דער אינהאַלט פֿון לעבן; אַלץ שוואַכער איז די באַוווּסטזיניקייט וועגן לעבן גופֿא. אפֿשר וועט דער פּשוטער מענטש נישט וועלן צוגעבן צו אַזאַ מין דעפֿיניציע. אָבער וויסנשאַפֿטלעך איז די מיינונג באַגרינדעט מיט כּל־ערליי מיני אותות ומופֿתים.

כמעט אַלע מאָדערנע דענקער זענען זיך מודה אין די פֿאָלגנדע פֿעסטשטעלונגען:

1) עס איז זיכער, אַז דער מענטש, — אַזוי דער היינטיקער ווי אויך דער אַמאָליקער, — איז באַשענקט מיט אַ שטאַרקן אימפּולסיוון שטרעבן צו וועלן דערגיין דעם אמת וועגן וועלט און מענטש.

2) עס איז אויך זיכער, אַז אין אַלע צייטן, — אַזוי אַמאָל ווי אויך היינט, — האָבן מענטשלעכע דענקער זיך געשאַפֿן פֿאַרשידענע מיני טעאָריעס וועגן די פּראָבלעמען פֿון וועלט און מענטש.

3) עס איז אויך זיכער, אז אלע טעאריעס, — אזוי די היינטיקע ווי אויך די אמאליקע, — זענען ניט געקומען צום אמת בנוגע צו די פראבלעמען פון וועלט און מענטש.

אט דער דריטער פונקט איז דאס דער שטארקסטער באווייז, אז היינטיקע באוויסטזיניקייט איז מיט גארנישט העכער פון דער אמאליקער.

איך האלט, אז עס איז פאר יעדן פון אונז זייער כדאי זיך אמאל א פארטראכט צו טאן וועגן די פראבלעמען פון וועלט און מענטש.

וואס איז וועלט? וואהין לויפט זי, און וואס איז איר ציל? פון איין זייט זעען מיר א שיינע, פרעכטיקע וועלט. אט איז א בלויער הימל מיט א שיינענדיקע זון; בערג און טאל; וואסער און גרינס; א הערלעכע נאכט מיט בליצנדיקע שטערן. פון א צווייטער זייט, באפאלן אינז בייזע ווינטן, שרעקלעכע בליצן און מוראדיקע דונערן. אט זענען ערדציטערנישן. עס פאלן איין הויכע בערג; שטורמדיקע וואסערן פארפלייצן גאנצע געגנטן. פון איין זייט, וווּנדערלעכע באשעפענישן, איידעלע חיות און פייגל, און פון א צווייטער זייט, ווילדע בעסטיעס. גיפטיקע שלאנגען, פיצינקע באקצילן, וועלכע ווערן גאר געבוירן אין דעם מענטש אליין און פרעסן אים אויף לעבעדיקערהייט.

וואס איז מענטש? פון איין זייט א קינדהייט מיט א יוגנט, מיט זייערע מאדנע שטרעבונגען, פארלאנגען און איבערלעבונגען. פון א צווייטער זייט, א עלטערער דור, ביי וועמען יענע קינדישע און אפילו יוגנטלעכע שטרעבונגען, זעען אויס ווי נאריש און פוסט. יעדער איינצעלנער מענטש, פאר זיך אליין, ווען ער דערמאנט זיך אין זיינע אייגענע אמאליקע קינדערישע און יוגנטלעכע יארן, קען ער זיך קוים גלויבן, אז דאס איז ער טאקע געווען ער אליין. מען דערמאנט זיך איבערלעבונגען, אין וועלכע מען האט זיך געפילט אנגענעם און פריידיק. אבער שפעטער איבערצייגט מען זיך, אז דאס זענען געווען בלויז נאטירלעכע רייצונגען, כדי דעם מענטש ארייצונארן אין דעם יאך פון לעבן. עס זעט אויס ווי די נאטור וואלט געפירט א בייזן שפיל מיט דעם מענטש. זי רוקט איבער צומאל אונטער אביסל האניק, כדי אים דאן צו צווינגען אויסצוטרינקען גאנצע טעפ מיט גאל און ביטערקייט.

די פראגע: וואס איז מענטש? רירט אן נאך א מער טיפערע פראבלעם. וואס מיינט דאס מענטש? מיינט דאס דעם מענטשלעכן קערפער, וואס נאך 70 יאר באגראבט מען אים אין דער ערד? אדער מיינט מענטש בעיקר דעם גייסטיקן אפאראט, וואס געפינט זיך אין דעם קערפער; אט דעם אפאראט, וואס דענקט, פילט, שטרעבט און פאנטאזירט?

וויסנשאַפט לערנט, אַז אויף דעם ערד־קוגל גייט גאָרנישט פאַרלוירן. אפילו דער קערפּער וואָס מען באַ־גראָבט אין דער ערד פאַרשווינדט נישט, נאָר ער צוגייט זיך אין פאַר־שידענע שטאָפן, וואָס נעמען אָן פאַרשידענע פאָרמען. שטעלט זיך די פראַגע: וואָס געשעט מיט דעם גייס־טיקן אַפּאַראַט פונם מענטש? גייט ער יאָ פאַרלוירן נאָך דעם אָפּשטאַר־בען פונם מענטש? עפּעס לייגט זיך נישט אויף דעם שכל, אַז דווקא דער אַזוי וויכטיקער אַפּאַראַט זאָל יאָ פאַרלוירן גיין, בשעת ווען דער קער־פּער נעמט אָן אַנדערע פאָרמען. ווי זאָגט יענער פּאָעט: אַ גראָשנדיק ליכטל, אפילו ווען עס ברענט אויס, איז עס נישט פאַרלוירן געגאַנגען. עס האָט זיך בלויז אויפגעלייזט אין גאַז און אַש. אָבער דער מענטש־לעכער שכל, זיין ענערגיע, זיין ווילן, שטרעבן, לייד און פרייד; דאָס פאַר־שווינדט? איז דאָס מעגלעך? אויב דער אַפּאַראַט גייט אויך נישט פאַר־לוירן, פרעגט זיך דאַן: אין וואָס צוגייט ער זיך? וואָס פאַר אַ פאָר־מען נעמט ער אָן נאָך דעם אָפּ־שטאַרבן פון דעם מענטש?

זייט דעם גראָען אַלטער, האָבן פראַגן פון אָט דעם כאַראַקטער גע־מאַטערט דעם מענטשלעכן מוח. במשך פון טויזנטער יאָרן זענען פאַרשידענע טעאָריעס אַנטשטאַנען בנוגע צו די פראַגן. זיי האָבן זיך געהאַלטן אַ געוויסע צייט. דאַן, האָבן זיי פאַרלוירן זייער באַדייטונג. (מיטאָלאָגיע, פּאָליטעאיזם, נאַטור־ראַליזם, מאַטעריאַליזם, אידעאַליזם, מיסטיציזם, סכאָלאַסטיק, וכדומה). נישט דאָ איז דער פּלאַץ צו שיל־דערן אַלע יענע טעאָריעס. איך וויל דערפאַר אָנהויבן בלויז מיט דער מאָדערנער פילאָזאָפיע.

די ערשטע קאַפּיטלעך פון מאָ־דערנער פילאָזאָפיע, הויבן זיך אָן מיט דעם ענגלישן פילאָזאָף דעיוויד יום און מיט דעם דייטשן פילאָזאָף עמאַנועל קאַנט. ביידע ווערן אָנגע־רופן: אַגנאָסטיקער (גנאָזיס, איז אַ גריכיש וואָרט און מיינט: וויסן. אַגנאָזיס מיינט: נישט וויסן). ביידע האָבן זיי באַהויפּטעט, אַז דעם אמת וועגן וועלט און מענטש, קען מען בשום אופן קיינמאָל נישט דערגיין. עס איז אָבער פאַראַן אַ חילוק צווישן זיי ביידע. דער חילוק באַשטייט אין אַ קלייניקייט. יום האַלט, אַז עס קען זיין אַז בנוגע צו דער גאַנצער עקזיסטענץ פון וועלט און מענטש, איז לגמרי קיין אמת נישטאָ. וועלט און מענטש זע־נען באַגריפן וואָס פאַרמאָגן אין זיך נישט קיין ברעקל פון אמת. (די שיטה איז ענלעך צום יידישן אויס־דרוק, וואָס לויטעט: עלמא דשיקרא; די גאַנצע וועלט האָט מיט דעם אמתן אמת גאָרנישט צו טאָן).

קאַנט דאַקעגן זאָגט, אַז וועלט און מענטש האָבן באַשטימט יאָ אַן אמתן אמת, נאָר מיר, בשר ודם'ס, האָבן קיין שום מעגלעכקייט נישט אָט דעם אמת זייערן צו דערקענען. אַלץ וואָס מיר רעדן זיך איין, אַז מיר וויסן וועגן וועלט און מענטש, איז אָפּגענאַרט.

עס פאַרשטייט זיך, אַז אין ציי־טונגס־אַרטיקלען איז נישטאָ קיין מעגלעכקייט איבערצוגעבן די טעאָ־ריעס פון יום און קאַנט. איך וויל זיך בלויז אָפּשטעלן אויף איין און איינציקן באַגריף, און דאָס איז: אמת.

דער ענין פון אמת איז נישט אַזאַ לייכטער. ער איז דער שווערסטער פּראָבלעם פון וויסנשאַפט. עס איז אינטערעסאַנט, אַז מען מוז מודה זיין אין דעם פאַקט, אַז יעדער מענטש פאַרמאָגט אין זיך עפּעס אַ מין כוח, וועלכער קעמפט ביי אים, — אין זיין גייסט, — פאַר דעם אמת. אפילו דער גרעסטער ליגנער, ווייסט ביי זיך, אַז ער איז אַ שאַר־לאַטאַן, אַז ער האַנדלט נישט ריכ־טיק מיט דעם וואָס ער זאָגט נישט דעם אמת. עפּעס איז פאַראַן אין יעדער מענטשלעכער נשמה, אַזאַ מין נערוו, וועלכער רעוואָלטירט אַקעגן אַן אַרויסגעזאָגטן ליגן, און פּלאָגט דעם ליגנער. אָט קומט איי־נער און זאָגט, אַז ער האָט געזען פייגל אין דער לופטן. אָבער בשעת מעשה, פּלאָגט אים עפּעס אַ געדאַנק, וואָס מאַכט אים אַ פאָרוואורף פאַר־וואָס ער טראַכט אויס אַ ליגן. יע־דער מענטש וואָס פאַלט צומאָל אַריין אין עפּעס אַ ליגן, מאַכט דורך אינעווייניק ביי זיך אַליין, אַזאַ מין רעוואָלוציאָנערן פּראָצעס פון חרטה אויף דעם ליגן. פון וואַנען קומט דאָס?

צווישן פאַרשידענע אויפקלערונ־גען וואָס זענען פאַראַן וועגן דעם פּראָבלעם, איז היינט אָנגענומען אַן אַלגעמיינע מיינונג, וואָס לויטעט ווי פאָלגט:

אַ מענטש, ווען ער זעט עפּעס, אָדער הערט עפּעס, בלייבן תמיד אין זיינע נערוון געוויסע שפּורן פון דעם וואָס ער האָט געזען אָדער געהערט. דאָס איז דער סוד פון דעם זכרון, וואָס באַהאַלט דעם רושם פון אַלץ וואָס מען זעט אָדער מען הערט. ווען אַ מענטש דערציילט דאַן דאָס וואָס ער האָט פאַקטיש געהערט און געזען, אַרבעטן ביי אים בשות־פות צוויי כוחות. איינמאָל דער כוח פון דעם זכרון; דאָס איז דער נערוו וואָס באַהאַלט דעם רושם פון דעם וואָס מען האָט געזען אָדער געהערט. צווייטנס, דער נערוו פון דעם מויל, וואָס דערציילט די פאַקטן. ווען דער מענטש אָבער דערציילט זאַכן וואָס ער האָט נישט געזען און נישט גע־הערט, אַרבעט ביי אים בלויז איין איינציקער נערוו. דאָס איז דער נערוו פון רעדן. דאַקעגן דער נערוו פון זכרון, איז שטיל, ווייל ער האָט נישט קיין שום רושם אין זיך. ווען דער נערוו פון מויל בלייבט איינער אַליין, בלייבט בלויז אַ מויל־מלאָכה. די אַלייניקע אַרבעט פון דעם מויל־נערוו איז אָנגעשטרענגט און ברענגט אַרויס אַ ציטער. דער ציטער ברענגט רויטקייט. דער מענטש ווערט רויט, וכדומה. דאָס איז די רעאַקציע אַקעגן ליגן. (אונזערע חכמים האָבן מיט טויזנטער יאָרן צוריק, פון דעם גאַנץ גוט געוווסט. שוין דעמאָלט האָבן זיי געשאַפן דעם אויסדרוק:

פיו הכשילו; זיין מויל האָט אים פאַרראַטן.)

דאָס איז ביי אמת און ליגן פון די חושים. פסיכאָלאָגיע באַהויפּטעט, אַז נישט עפּעס אַ אידעאַל, אַ מאָראַל, אָדער עטישער געפיל אָקעגן ליגן, פלאָגט דעם מענטש, נאָר גאַנץ פּשוט: עס איז אַ ריין פיזישער פּראָצעס פון דעם נערוו אין מויל. אָבער ביי אמת פון די חושים ווייסט יעדער, אַז דער גאַנצער באַגריף פון אמת איז אַ ריין רעלאַטיווער. מען קען זאָגן אמת: טאַקע דאָס וואָס מען האָט געזען און געהערט, און דאָך זאָל די גאַנצע מעשה זיין שקר וכזב, ווייל דאָס אויג, אָדער דאָס אויער, קענען ביידע געבן בלויז אַ דמיון. אויף חושים קען מען זיך נישט פאַרלאָזן. איינער איז בלינד אויף אַ געוויסע פאַרב. דער צווייטער איז טויבלעך. דער דריטער איז קראַנק אויף אַן אַנדערש מין חוש, און מען קען קיין אַבסאָלוטן אמת מיט די חושים נישט דערגיין.

7.

איך בין געבליבן שטיין ביי דעם, אַז די חושים (סענסועלע אָרגאַנען) פון דעם מענטש, גיבן נישט איבער קיין אמת. פון דעם האָבן געוווסט אפילו די גאָר אַלטע פילאָזאָפן. דער רמב"ם (מו"נ ח"א פע"ג) האָט צונויפגעשטעלט אַ ליסטע פון 12 דעפיניציעס, אין וועלכע אַלע אַלטע פילאָזאָפן זענען מודה. די 12־טע דעפיניציע לויטעט: די מענטשלעכע חושים פאַרפירן און נעמען נישט אויף ריכטיק קיין שום זאַך. דעריבער קען מען אויף זיי גאָרנישט בויען.

פאַראַן אָבער נאָך אַ צווייטער אמת. דאָס איז דער אמת פון שכל. אַלע אַלטע פילאָזאָפן זענען געווען זיכער, אַז דאָס וואָס דער שכל דיקטירט איז טאַקע אמת. דער שכלדיקער אמת באַזירט זיך אויף געוויסע שכלדיקע לאָגיקן, וועלכע צווינגען דעם מענטשלעכן געדאַנק ער זאָל זיי אָננעמען.

עס איז אינטערעסאַנט, אַז אויך ביים שכלדיקן אמת געשעט דאָסזעלביקע וואָס ביים חושים'דיקן אמת. אויך בנוגע צום שכלדיקן אמת פאַרמאָגט יעדער מענטש אין זיך אַ כוח, וועלכער פּראָטעסטירט און רעוואָלוציאָניזירט זיך אָקעגן מעשים און געדאַנקען וועלכע זענען אָקעגן דעם שכל. עס איז אָבער פאַראַן אַ חילוק צווישן די צוויי אמתן. מיר האָבן פריער אויפגעקלערט, אַז בנוגע צו די חושים איז דאָס קריטעריום פון אמת זייער פּשוט. אַ מענטש וואָס גיט איבער דאָס וואָס ער האָט פאַקטיש געזען, איז עס אמת. אויב אָבער ער גיט איבער פאַלש, אַנדערש פון דעם וואָס ער האָט געזען, איז עס אַ ליגן. עס איז בלויז וויסנשאַפטלעך פעסטגעשטעלט, אַז אפילו ווען דער מענטש גיט גענוי איבער דאָס וואָס ער האָט דערקענט מיט זיינע חושים, איז דאָס נישט קיין אַבסאָלוטער אמת, ווייל די חושים נאַרן. אַנדערש אָבער איז דאָס קרי־

מעריום פון דעם שכלדיקן אמת. דא איז א פראגע צי איז בכלל מעגלעך צו זאגן אויף איין שכל, אז ער איז אמת, און אויף א צווייטן שכל אז ער איז ליגן. מיט וואס איז איין שכל מער אמת פון דעם צווייטן? געוויינלעך נעמט מען אן, אז שכל איז דעמאלט אמת ווען ער שטימט מיט דער לאגיק. דער שכל איז דע־מאלט פאלש, ווען ער איז נישט איינשטימיק מיט דער לאגיק.

פילאזאפיע קען זיך נישט אייניקן אויף אזא תשובה. עס שטעלט זיך די פראגע: ווער גאראנטירט אז די לאגיק איז אמת? אפשר איז גאר די גאנצע לאגיק פאלש. די אמת־דיקייט פון דער לאגיק איז דאך אויך נישט מער ווי א דיקטאט פון דעם שכל. עס קומט דאן אויס, אז לאגיק באשטעטיקט די אמתן פונם שכל, און שכל באשטעטיקט די אמתן פון דער לאגיק. אזא מין באשטי־מונג רופט זיך: טויטאלאגיע, און איז פאלש.

עס קומט דאן אן אנדער מין דע־פיניציע וועגן דעם אמת פון שכל. עס הייסט, אז שכל איז דעמאלט אמת, ווען אלע זענען אין אים מודה. א שכל פון א יחיד מוז נישט זיין אמת, אבער א שכל אין וועמען אלע זענען מסכים אז אזוי דארף צו זיין און אזוי איז עס; אזא שכל איז אמת. מאדערנע פילאזאפיע קען אויף דער דעפיניציע אויך נישט מסכים זיין. אפילו ווען טויזנטער, מיליאנען, און צענדליקער מיליא־נען, זענען מסכים אויף א שכל אז ער איז אמת, איז דאס נאך גאר קיין שום גאראנטיע נישט אז עס איז טאקע אזוי. געשיכטע לערנט אונז, אז גאנצע גרופן, גאנצע פעל־קער און מיליאנען חכמים, זענען פעאיק אנצונעבען א שיטה און צו זיין איבערצייגט, אז זיי זענען ביים אמת. אבער שפעטער שטעלט זיך ארויס, אז זייער שכל איז געווען דורך און דורך פאלש. מיר לעבן היינט אין א צייט אין וועלכער מיר האבן די בעסטע געלעגנהייט זיך צו איבערצייגן, אז דאס וואס א גרויסע מאסע נעמט אן אלס לאגישן אמת, איז שקר וכזב. דאס צאלרייכע דייט־טשע פאלק האט אנגענומען היט־לערס געדאנקענגאנג, און איז גע־ווען איבערצייגט, אז זיין שכל איז אמת. דאסזעלביקע מיט מוסאליני און מיט אלע אנדערע ריכטונגען, וועלכע געפינען זיך היינט אין דער וועלט. נעמט אפילו אונזער אייגענע מדינת־ישראל. זי פארמאגט א צוויי צענדליק פארטייען. יעדע פארטיי האט צענדליקער טויזנטער אנהע־גער. יעדע פארטיי האט זיך איר שכל און איר אייגענעם געדאנקענ־גאנג. אויב דאס קריטעריום פון שכלדיקן אמת זאל זיין בלויז דאס וואס א סך מענטשן זענען מודה אין אים, וואלטן מיר געמוזט אננעמען, אז אלע שכלים פון אלע פארטייען זענען אמת. אט האבן דאך אלע פארטייען גאנצע מאסן וואס האלטן אזוי. זאגט אבער וויסנשאפט, אז אזא הנחה איז פאלש, ווייל קיין 20 אמתן זענען נישטא. אמת איז דא נאר איינער. ווער קען דאן אנטשיי־דן, וועלכער רבים עס איז מער

ביים אמת און וועלכער רבים עס איז ביים שקר? דערפאַר קומט וויסענשאַפט צו דער הנחה, אַז שכל איז געבונדן בלויז מיט דעם מענטש. יעדער מענטש האָט זיך זיין אייגענעם שכל. עס איז דערפאַר פאַלש צו באַהויפּטן, אַז שכל פאַרמאָגט אין זיך אמת. אויב שכל און אמת זאָלן זיין געבונדן איינס מיט דעם צווייטן, וואָלטן מיר דעמאָלט געהאַט אַזויפיל אמתן וויפל מענטשן עס זענען פאַראַן אין דער וועלט.

וויסנשאַפט איז נישט שטיין געבליבן ביי דעם אַלעם, און מען האָט ווייטער זיך געגריבלט אַרויסצובאַקומען קריטעריען בנוגע צום אמת פון שכל. מען האָט זיך געזאָגט אַזוי: לאָגיק איז טאַקע נישט קיין באַוויז וועגן דעם אמת פון שכל, ווייל לאָגיק אַליין איז אויך בלויז אַ שכל. אָבער עס זענען דאָך פאַראַן געוויסע כללים בנוגע צום שכל, אין וועלכע מען דערקענט דעם אמת און מען קען זיי נישט אָפּלייקענען. די כללים מעג מען אָנרופן מיט וואָס פאַר אַ נאָמען מען וויל. אָבער זיי זענען אַזוי אַקסיאָמיש אמת, אַז זיי דאַרפן בכלל נישט צו האָבן קיין גאַראַנטיע. זיי טראָגן דעם אמת אין זיך אַליין. לויט די כללים קען מען דאַן פעסטשטעלן די אמתן פון דעם שכל.

אָט למשל, איז פאַראַן אַ כלל, אַז יאָ און ניין קענען נישט גיין צוזאַמען. יאָ איז נישט ניין, און ניין איז נישט יאָ.

א צווייטער כלל למשל איז, אַז אויב מען גיט צו צו עפּעס, מוז זיין מער, און אויב מען נעמט אַראָפּ עפּעס, מוז זיין ווייניקער. דאַכט זיך, אַז דאָס מוז זיין אמת. מער קען נישט זיין ווייניקער, און ווייניקער קען נישט זיין מער.

אַזעלכע כללים זענען פאַראַן אַ סך. מיט זיי דאַרף מען זיך באַדינען ווען מען וויל פעסטשטעלן דעם אמת פון דעם שכל.

מאָדערנע פילאָזאָפיע האָט די אַלע כללים אָפּגעלייקנט און אויפגעוויזן, אַז זיי אַלע קענען זיך האָבן זייער באַגרינדונג. אָבער אמת זענען זיי נישט. מאָדערנע דיאַלעקטיק האַלט, אַז דער גרעסטער אמתער כוח וואָס הערשט אין דער וועלט, איז דווקא דער קאָנטראַסט. דאָס מיינט: דאָרט ווו יאָ און ניין קומען זיך צוזאַמען. מאַטעמאַטיש, לויטעט די הנחה אַזוי. יאָ איז אין דער מאַטעמאַטיק: פּלוס. ניין איז אין דער מאַטעמאַטיק: מינוס. זיכער, ווען מען נעמט אַ באַזונדערן פּלוס און מען שטעלט אים אוועק ביים באַזונדערן מינוס, אַנולירן זיי זיך און עס בלייבט גאָרנישט. אָבער ווען אין דערזעלביקער פּאָזיציע איז דאָ פּלוס און מינוס צוזאַמען, דעמאָלט איז נישטאָ קיין אַנולירונג, נאָר אַ דערגאַנצונג. אין דעם באַשטייט דער כוח פון פּאָזיטיוו מיט נעגאַטיוו, וועלכע אַרבעטן צוזאַמען אין דער נאַטור. דער כוח פון עלעקטריק באַשטייט אויך אין נעגאַטיוו מיט פּאָזיטיוו צוזאַמען.

מאָדערנע דיאַלעקטיק האַלט, אַז

שכל איז גילטיק דווקא דעמאָלט, ווען ער האָט אין זיך ביידע: דעם יאָ און דעם ניין צוזאַמען. מען דאַרף זיין ביי זיך באַוווּסט, אַז עס איז מעגלעך אָפּצופרעגן דעם שכל. מען דאַרף האָבן אַ באַוווּסטזיין פון קענען נעגירן יעדן שכל. ערשט דאַן ווען מען איז זיך באַוווּסט פון ביידע: פון דעם יאָ און ניין צוזאַמען, ערשט דעמאָלט קען מען באַשטימען די ריכטיקייט פון דעם שכל.

אין אַ הלכה'שער אָפּהאַנדלונג האָב איך אויפגעוויזן, אַז אונזערע חכמים האָבן זייער גוט געקענט אָט די שיטה. די גמרא זאָגט, אַז אין די סנהדרין האָט באַדאַרפט זיצן אַזעלכער, וואָס איז געווען פעאיק אויפצווייזן, אַז אַ שרץ איז טהור. ווי באַקאַנט, איז טהור און טמא דאָסזעלביקע וואָס יאָ און ניין. טהור קען נישט זיין טמא, און טמא קען נישט זיין טהור. אָבער דער חכם פון די סנהדרין האָט באַדאַרפט פאַרמאָגן אַזאַ מין שכלדיקן כוח אויפצווייזן מיט ק"ן טעמים (150 לאָגישע אַרגומענטן), אַז דער שרץ. דער 100 פּראָצענטיקער ניין (טמא), פאַרמאָגט אין זיך לאָגיקן פון יאָ (טהור). דאָס איז אפשר אויך געווען דער סוד פון דעם באַקאַנטן שווערן דין, אַז אויב די סנהדרין האָבן אַלע געזאָגט חייב, איז דער באַשול־דיקטער געוואָרן באַפרייט. אויב אַלע זעען בלויז ניין, איז דאָס נישט דער ריכטיקער שכל. דער ריכטיקער שכל מוז האָבן יאָ און ניין צוזאַמען.

אויך דער צווייטער כלל, אַז מער מוז זיין מער, און ווייניקער מוז זיין ווייניקער, איז נישט אמת. ווי־סענשאַפט באַהויפּטעט, אַז אין דער נאַטור ברענגט מער אַרויס ווייני־קער, און ווייניקער ברענגט אַרויס מער. דאַכטן, דאַכט זיך, אַז דאָס איז אַן אַבסורד, וואָס האָט צו זיך נישט קיין גלייכן. ווי קען דאָס מעג־לעך זיין, אַז מער זאָל ברענגען ווי־ניקער, און ווייניקער זאָל ברענגען מער? אָבער מאָדערנע וויסנשאַפט איז געקומען צו אַ באַשלוס, אַז אמת: מער ברענגט טאַקע מער, און ווייניקער ברענגט ווייניקער. נאָר דאָס גילט בלויז ביז צו אַ געוויסער גרעניץ. קוים איבערשרייטן מיר די גרעניץ, דאַן איבערציינגן מיר זיך אין אַ פאַרקערטער ריכטונג: וואָס מער, ווערט ווייניקער, און וואָס ווייניקער, ווערט מער.

עס וואָלט באַדאַרפט פאַרנעמען זייער אַ סך אויפצוקלערן דעם ענין. איך וויל בלויז באַמערקן, אַז אין דער מאָדערנער וויסנשאַפט רופט זיך דאָס: וועבער־פעכנער געזעץ. פון דעם קומט מאָדערנע פילאָזאָ־פיע און באַהויפּטעט, אַז אַלע שכל־דיקע כללים גילטן בלויז ביז צו אַ געוויסער גרעניץ. זיי גייען ביז צו אַ געוויסן פונקט. ביי דעם געוויסן פונקט בלייבן זיין שטיין און גייען גאָר קאַפּויער, אין אַ פאַרקערטער ריכטונג.

כדי נישט צו לאָזן דעם ענין כתח אַזוי בלינד און אומפאַרשטענדלעך, וויל איך דאָ ברענגען בלויז איין משל. זיכער קען איך דאָ נישט

ארויסברענגען דעם ענין גאנץ דייט־
לעך. אבער דער איינער משל וועט
אביסל אויפקלערן פאר יעדן, אין
וואס עס באשטייט דאס באקאנטע
וועבער־פעכנער געזעץ.

נעמען מיר למשל: היץ און קעלט.
עס איז א פאקט: וואסער וואס איז
ווארעם, פארנעמט מער שטח, מער
פלאץ, פון וואסער וואס איז קאלט.
וואסער וואס מען ווארעמט און עס
האט נישט קיין מעגלעכקייט אויס־
צופארן, פארגרעסערט זיך אין
שטח. וואסער וואס ווערט קאלט,
פארלירט פון זיין שטח, און פאר־
נעמט א קלענערן פלאץ. פון דעם
קומט אין פיזיק א געזעץ: וואס מער
קעלט וואסער נעמט אריין אין זיך,
אלץ ווייניקער רוים פארנעמט עס,
וואס מער היץ וואסער נעמט אין
זיך אריין, אלץ מער פלאץ פאר־
נעמט עס. אבער היץ און קעלט האָ־
בען ביידע געוויסע גרעניצן. דאס
זענען די גראדן פון 0 און פון 100.
נאר העמאלט ווען דאס וואסער גע־
פינט זיך צווישן די צוויי גרעניצן,
גילט דאס פריערדיקע געזעץ. קוים
קומט וואסער נידעריקער פון 0, דאן
פארלירט זיך דאס פריערדיקע גע־
זעץ, און אויף זיין ארט קומט א
פארקערט געזעץ: וואס מער קעלט
וואסער נעמט אין זיך אריין (מער
פון 0), אלץ מער פלאץ פארנעמט
עס; אלץ מער שטח דארף עס. עס
וואקסט וואס אמאל מער אין פאר־
נעם. שטעלט זיך די פראגע: אויב
קעלט פאראורזאכט א פארקלענע־
רונג פון דעם שטח, פארוואס זאל
אונטער זערא זיין פארקערט: וואס
מער קעלט, אלץ מער שטח. דאָס־
זעלביקע ביי היץ. ביז צו 100 גראַ־
גילט דאס געזעץ: וואס מער היץ,
אלץ מער שטח. אבער העכער פון
100 גראד, קומט א פארקערט גע־
זעץ: וואס מער היץ, אלץ ווייניקער
פלאץ באדארף דאסזעלביקע קוואנ־
טום וואסער. פון דעם איז צו זען,
אז אפילו אזא מין געזונטער כלל,
אז מער ברענגט מער, און ווייניקער
ברענגט ווייניקער, גילט בלויז אין א
געוויסער גרעניץ. קוים שרייטעט
מען איבער די גרעניץ, פארלירט
דער שכלדיקער כלל זיין גילטיקייט
און במילא זיין אמת.

8.

איך האב מיין לעצטן ארטיקל
פארענדיקט מיט דער באהויפטונג
פון מאדערנע דיאלעקטיקער, אז דער
שכל איז נישט געבונדן מיט קיין
אמת. אפילו אזא מין געזונטער לאָ־
גישער שכל, ווי למשל, דער זאץ:
אויב מען גיט צו צו עפעס, מוז זיין
מער; אויב מען נעמט אראפ פון
עפעס, מוז זיין ווייניקער; אפילו אט
דער לאגישער זאץ איז אויך נישט
אמת. לויט דעם געזעץ פון וועבער־
פעכנער קומט אויס, אז אפילו די
אממערסטן באוווסטן לאגישע גע־
זעצן גילטן בלויז אין א געוויסער
גרעניץ. ווען מען שרייטעט איבער
די גרעניץ, באגעגנט מען זיך מיט
א גאר פארקערטער דערשיינונג.

איך בין זיך מודה, אז ווען איך
האב זיך באקענט מיט דידאזיקע

אויפקלערונגען, זענען זיי פאַר מיר נישט געווען קיין נייעס. אין מיין זכרון זענען געווען איינגעוואָרצלט אַ גאַנצע ריי פון מאמרים אין דער גמרא, וועלכע ברענגען אַרויס דעם ענין אַ סך מער דייטלעך און אַ סך מער פאַרשטענדלעך. אָט איז אַ באַקאַנטער מאמר אין דער גמרא (ברכות ל״ד ע״א). דער מאמר הייבט זיך אָן מיט: תנו רבנן; די רבנים האָבן געלערנט; דאָס מיינט צו זאָגן, אַז נישט איינער האָט אַזוי געזאָגט, נאָר אַ סך רבנן פון די צייטן פון די תנאים. שוין זיי האָבן געלערנט, אַז עס זענען פאַראַן זאַכן אויף דער וועלט, וואָס שאַפן פּאָזיטיוו און ברענגען פּאָזיטיווע שעפערישקייט. אָבער, נאָר ביז צו אַ געוויסער גרעניץ. ווען זיי דערגרייכן זייער גרעניץ, איבערגייען זיי צו נעגאַציע און ברענגען נעגאַטיווע דערשיינונגען.

אונזערע תנאים, פון פאַר צוויי טויזנט יאָר, האָבן צו דער באַהויפּטונג געבראַכט געוויסע משלים, וועלכע זענען מער קלאַסיש און מער איבערצייגנדיק, פון דעם מאָדערנעם משל וועגן וואַסער, וואָס איך האָב ציטירט אין מיין לעצטן אַרטיקל.

איך וויל ברענגען בלויז צוויי פון די אין דער גמרא אָנגעגעבענע משלים. איינער איז פון דער נאַטור; דער צווייטער פון דעם לעבן.

אין דער נאַטור איז פאַראַן: זאַלץ. געקעכץ אָן זאַלץ, האָט קיין טעם נישט. מען שיט אַריין אַביסל זאַלץ. באַקומט עס אַביסל טעם. ווען מען שיט צו נאָך אַביסל, באַקומט עס מער טעם. וואָס מער מען שיט אַריין, באַקומט עס אַלץ מער טעם. אָבער, ביז צו אַ גרעניץ. ווען מען דערגרייכט די גרעניץ; דאָס מיינט, ווען דאָס געקעכץ האָט שוין זיין געהעריקן טעם, דאַן אויב מען שיט צו נאָך זאַלץ, ווירקט עס נעגאַטיוו; דאָס מיינט: וואָס מער זאַלץ מען שיט דעמאָלט צו, פאַרלירט דאָס געקעכץ דעם טעם, אַזוי ווייט, אַז עס האָט שוין גאָר קיין טעם נישט.

אויך אין לעבן פון דעם מענטש איז פאַראַן אַזאַ מין דערשיינונג, און דאָס איז בנוגע כבוד. יעדער מענטש שטרעבט צו כבוד. וואָס מער מען לויבט אים, אַלץ מער כבוד איז עס פאַר אים. אָבער, ביז צו אַ געוויסער גרעניץ. קוים איבערשרייטעט מען די גרעניץ; מען לויבט ביז אין הימל אַריין, דאַן וואָס מער מען לויבט, פאַרוואַנדלט זיך דאָס אין אומכבוד און עס ברענגט פשוט בושה.

אונזערע חכמים האָבן די דערשיינונג אויך אָנגעווענדעט בנוגע צו געלט און צו פאַרמעגן. געלט ברענגט סאַטיספאַקציע אין לעבן. אָבער אויך, ביז צו אַ גרעניץ. איבערשרייטעט מען די גרעניץ, ברענגט געלט נישט מער קיין סאַטיספאַקציע, נאָר פאַרוואַנדלט זיך אין אַ דעסטרוקטיוון פאַקטאָר אין לעבן.

י. ל. פרץ, איז קיין פיזיקער נישט

געווען. אין קיין אוניווערזיטעטן האט ער נישט שטודירט. אין חדר בלויז האט ער געלערנט. אויף די יסודות פון זיין חדר׳ישן וויסן האט ער אנגעשריבן איינעם פון זיינע שענסטע און הערלעכסטע עסייען: הורמוז און אחרימון (ארטיקלען און פעליעטאנען, באנד 12, זייט 144). פרץ שילדערט א שמועס, וואס ער האט מכלומרשט געהאט מיט א פערסיער. לויט דער גמרא, האבן די אמאליקע פערסיער גע־גלויבט, אז צוויי כוחות הערשן אין דער וועלט. איין כוח, וואס שאפט די פאזיטיווע זייט פון לעבן (פועל הטוב), און א צווייטער כוח, וואס שאפט די נעגאטיווע זייט פון לעבן (פועל הרע). דער פאזיטיווער כוח (הורמוז), ברענגט בלויז גוטס: עשי־רות, חכמה און גבורה. דער נעגא־טיווער כוח ברענגט בלויז שלעכטס (אחרימון): ארימקייט, עלנט, טיפ־שות און שוואכקייט.ביידע כוחות פירן אן אייביקע מלחמה צווישן זיך. הורמוז ברענגט דאס גוטע. אחרי־מון פארניכטעט עס. דער פערסיער זאגט, אז אין דער לעצטער צייט האט אחרימון זיך מיישב געווען און האט אנגענומען א נייע טאקטיק. ער האט זיך מיישב געווען: צו וואס פארניכטן דאס גוטע וואס הורמוז שאפט? ער וועט אנשטאט פארניכ־טען, בעסער צו געבן מער גוטס, וועט עס במילא ברענגען פארניכ־טונג. הורמוז ברענגט און באשענקט איינעם מיט עשירות, טראכט זיך אחרימון: צו וואס אוועקנעמען ביי אים דאס געלט? בעסער וועט ער אים דערלייגן; ער זאל האבן צו־פיל, וועט ער במילא שוין זיין אומגליקלעך און נישט קענען שלאָ־פען. הורמוז גיט איינעם חכמה. אחרימון זאגט: צו וואס מאכן אים פאר א נאר? בעסער אים צוגעבן מער חכמה, וועט ער ווערן ראפי־נירט און אויסקלערן שפעקולאציעס אזעלכע, חרוב צו מאכן די סביבה. הורמוז גיט איינעם שטארקייט. אחרימון זאגט: צו וואס שיקן אויף אים א קראנקהייט און אים מאכן שוואך? בעסער וועט ער אים דער־לייגן נאך מער כוח, וועט ער ווערן אן אוואנטורניק, א טיראן, און ברענגען פארניכטונג.

און דער פערסיער, — זאגט פרץ, — מיט א קרעכץ, אזוי לאנג אחרי־מון האט אפערירט נאר מיט צע־שטערונג און מיט פארניכטונג, האט קיין סכנה נישט געדראָט. הורמוז איז תמיד שטארקער פון אחרימון. אבער איצט האט ער מורא, אז מיט זיין נייער טאקטיק קען טאקע נאך אחרימון זיגן און ברענגען א חורבן אויף דער וועלט.

דאס איז די פילאזאפיע וואס לערנט, אז צופיל פאזיטיוו, גייט אבער אין נעגאציע.

דאס אלץ האב איך ציטירט כדי אויפצווייזן, אז אפילו אזא מין לאגישער כלל, וואס לויטעט אז אויב מען גיט צו, מוז זיין מער, איז אויך נישט אמת, אזוי אין דער נאטור, ווי אויך אין לעבן, זעט מען נאך

פאַרקעטע דערשיינונגען. דער באַגריף פון מער, שאַפט גאָר נעגאַטיווע קאָנסעקווענצן, און מען באַקומט דערפון ווייניקער.

איך וויל איצט צוריקקומען צו די שיטות פון מאָדערנער פילאָזאָפיע. יום און קאַנט האָבן ביידע געבויט און פאַרפעסטיקט אַן אייזערנע וואַנט, וואָס טיילט אָפּ די מענטשלעכע דערקענטניש פון דעם אָביעקטיוון אמת וועלכער הערשט אין דרויסן, מחוץ פון דעם מענטש. לויט יום, איז בכלל נישטאָ קיין אמתער אמת, נישט אין וועלט און נישט אין מענטש. לויט קאַנט, איז יאָ פאַראַן אַן אמתער אמת, נאָר דער מענטש קען קיינמאָל צו אים נישט צוקומען, נישט די חושים און נישט דער שכל זענען די ריכטיקע כלים, דורך וועלכע דער מענטש זאָל קענען דערגיין דעם סוד פון וועלט און מענטש.

עס קומען דאַן די נעאָקאַנטיאַנער (העמאַן קאָהען און ערנסט קעסלער). נאָך זיי אַ גאַנצע ריי פון נייע ריכטונגען אין דער פילאָזאָפיע (פּאָזיטיוויזם, נעאָרעאַליזם, פּראַגמאַטיזם און עקסיסטענציאַליזם). אַלע ברענגען אַרויס פאַרשידענע אופנים פון אויפקלערונג בנוגע צו וועלט און מענטש. דער הויפּט־פּונקט פון די אַלע מאָדערנע ריכטונגען אין דער פילאָזאָפיע, באַשטייט אין איין יסוד. מען נעמט אָן, אַז מען האָט געמאַכט אַ טעות מיט דעם וואָס מען האָט געטיילט די באַגריפן פון וועלט און מענטש אין צוויי באַזונדערע, אָפּגעטיילטע עקזיסטענצן. מען האָט אוועקגעשטעלט די עקזיסטענץ פון וועלט באַזונדער, און די עקזיסטענץ פון מענטש באַזונדער. דאַן, האָט מען זיך געמאַטערט צו געפינען אַ מין פאַרמיטלער צווישן די צוויי באַזונדערע עקזיסטענצן. מען האָט געוואָלט אויסגעפינען ווי אַזוי וועלט דרינגט אַריין אין מענטש, און ווי אַזוי מענטש דרינגט אַריין אין וועלט. דאָס איז טאַקע קיינמאָל נישט געלונגען, ווייל דער אופן פון אַזאַ צוגאַנג איז פאַלש און איז פשוט אַ טעות. נישטאָ קיין מענטש באַזונדער, און וועלט באַזונדער. דער מענטש אָן וועלט עקזיסטירט נישט; די וועלט אָן מענטש, עקזיסטירט אויך נישט. נישטאָ קיין שייכות צווישן וועלט און מענטש, ווייל דאָס זענען נישט קיין צוויי, נאָר איינס. פונקט ווי דער מענטש קען נישט געמאָלט זיין אָן דער דרויסנדיקער פיזישער וועלט; אַזוי איז אויך נישט געמאָלט קיין דרויסנדיקע, פיזישע וועלט, אָן דעם מענטש. דאָס פאַרטראַכטן זיך אין טעאָרעטישע שפעקולאַציעס וועגן קאָסמאָס, קען צו גאָרנישט ברענגען. קאָסמאָס און שפעקולאַציע זענען ביידע מענטשלעכע באַגריפן. מיר זעען למשל אַ טיש, און מיר פאַרטראַכטן זיך אין דעם, צו דערגיין וואָס דער טיש אַליין פאַר זיך, איז. אַ טייל זאָגן, אַז דער טיש איז אַ מאַטעריע. אַ צווייטער טייל באַהויפּטעט, אַז דער־

טיש איז אן אידעע וואס האט נעשאפן דעם טיש. ביידע דערקלערונגען זענען פאלש. אויסער דעם מענטש איז קיין טיש בכלל נישטא. דער טיש האט, אליין פאר זיך, קיין שום ווירקלעכקייט נישט. דער טיש עקזיסטירט נאר דעמאלט, ווען ער דינט דעם מענטש אלס א טיש, כדי צו קענען זיך באנוצן מיט אים. (עסן אויף אים. שרייבן אויף אים. לעזן אויף אים, וכדומה). דינט ער נישט צו די מענטשלעכע צוועקן, איז ער קיין טיש נישט. די גאנצע ווירקלעכקייט פון דעם טיש איז. לפי זה, געשאפן נאר פון דעם מענטש. עס איז פאלש צוצוגיין צו אן אויפקלערונג וועגן דעם טיש, אזוי ווי דער טיש וואלט למשל געווען אן עקזיסטענץ פאר זיך אליין. מען האט געמאכט דעם גרעסטן טעות מיט דעם, וואס די פראגע וועגן עקזיסטענץ פון א טיש, האט מען געפרווט צו פארענטפערן מיט כלערליי דרויסנדיקע אויפקלערונגען. אזוי למשל, האט דער מאטעריאליסט באהויפטעט, אז א טיש איז פון האלץ, און האלץ איז פון פארשידענע נאטור־עלעמענטן. דאקעגן דער אידעאליסט האט דערקלערט (פון פלאטא אנגעהויבן), אז די אידעע וועגן א טיש; זי שטעלט צונויף זיין עקזיסטענץ. ביידע דערקלערונגען, זענען א טעות. טיש, איז נישט דאס האלץ און טיש, איז אויך נישט די אידעע. נאר טיש איז די פונקציע, וואס ער האט פאר דעם מענטש. בלויז אט די פונקציע זיינע; זי שאפט זיין עקסיסטענץ. אן די פונקציע, איז דער טיש בכלל נישטא.

ערנסט קעסלער, שעמט זיך אפילו ניט צו באהויפטן אז די גאנצע רעאליטעט פון אלע דרויסענדיקע זאכן, איז נישט מער, ווי א ריין מענטשלעכער באשאף. נישט דער מענטש, דערקענט די זאכן פון דרויסן, נאר די דערקענטניש פון דעם מענטש, באשאפט ערשט די דרויסענדיקע רעאליטעט. קעסלער גייט נאך ווייטער און באהויפטעט, אז די מענטשלעכע דערקענטניש, האט אין זיך א כח, אפילו צו ענדערן די רעאליטעט פון יעדער זאך, אזוי אז זי זאל באקומען אנדערע ממשות'ן. דאס מיינט, אז יעדע זאך אין דרויסן, האט פאר זיך אליין קיין שום ממשות נישט, נאר נעמט אן די ממשות, וואס דער מענטש באשטימט פאר איר. אט, האבן מיר למשל א טיש. דער טיש, איז אזוי לאנג א טיש, ווי לאנג ער האט די פונקציע פון א טיש פאר דעם מענטש. אויב למשל: דער מענטש איז זיך מארגן מיישב און נעמט דעם טיש און מאכט פון אים א שטיג, א טרעפ, כדי צו דערגרייכן דורך אים א העכערע זאך; כדי ארויפקריכן אויף אים און דערלאנגען דעם דאך, ווערט דער טיש אויס טיש און איז מער קיין טיש נישט נאר ער איז א טרעפל צום דאך. איבערמארגן איז דער מענטש זיך מיישב און נעמט דאס זעלביקע טרעפל און שטעלט עס אוועק ביי א הויכן טיש כדי אויף אים צו זיצן, ווערט עס אויס טרעפל און עס ווערט א בענקל. דערזעלבי־

קער געגנשטאַנד האָט לפי זה באַקומען דרייעַרליי מיני רעאַליטעטן, לויט דער באַשטימונג פון דעם מענטש. אַלע זאַכן זענען אַזוי. זיי באַקומען זייער ממשות נאָר דורך מענטשלעכער דערקענטניש. זיי ענדערן אויך זייערע ממשותן מיט דער ענדערונג פון דער מענטשלעכער דערקענטניש.

9.

מיין לעצטן אַרטיקל האָב איך פאַרענדיקט מיט די שיטות פון מאָדערנער פילאָזאָפיע (פּאָזיטיוויזם, רעאַליזם, פּראַגמאַטיזם און עקסיסטענציאַליזם). דעם תוך פון די מאָדערנע שטרעמונגען אין דער פילאָזאָפיע, לערנט מען אַמקלאָרסטן אין די אויפקלערונגען פון ערנסט קעססלער. זיין דעפיניציע לויטעט: עס איז נישט אמת אַז אין דרויסן זענען פאַראַן זאַכן און דער מענטש דערקענט זיי. נאָר עס איז פאַרקערט: דער מענטש, מיט זיין דערקענונג, שאַפט ערשט די זאַכן אין דרויסן. ערשט מיט דער מענטשלעכער דערקענטניש באַקומען די זאַכען זייער עקזיסטענץ. אויב דער מענטש ענדערט זיין דערקענטניש און באַשליסט אַן אַנדערע מיינונג, וועגן אַ געוויסע זאַך, אין דרויסן, דעמאָלט טוישט די זאַך אַליין אויך איר באַ־אַקטער און באַקומט אַן אַנדערע עקזיסטענץ. עס איז כדאי צו דערמאָנען אַ קלאַסיש משל וועגן דער טעאָריע.

קעססלער באַהויפּטעט, אַז אידעע האָט נישט ווייניקער כוח פון מאַטעריע. מאַרקס, דער מאַטעריאַליסט, לערנט און ווייזט אויף, אַז דער פּראָלעטאַריאַט (דער אַרבעטער־קלאַס), איז דער שעפערישער כוח אין דער וועלט. דער אַרבעטער איז דער וואָס ענדערט אַלע פאָרמען פון דער נאַטור און שאַפט נייע עקזיסטענצן. אַלע פּראָדוקטן און אַלע קאָנסטרוקציעס קומען פון דער שעפערישער האַנט פון דעם אַרבעטער. אויב הענט קענען שאַפן און ענדערן עקזיסטענצן, קען אויך גייסט און אידעע דאָס זעלביקע. דער מענטש מיט זיין אידעע שאַפט ממשותן אין ענדערט ממשותן. דער פּראָלעטאַריאַט, דער אַרבעטער, מוז האָבן כלים צו זיינע שאַפונגען און זיינע פּראָדוקציעס. אויך דער גייסט און די אידעע מוזן האָבן זייערע כלים צו זייערע שאַפונגען און זייערע ענדערונגען פון זייערע דערקענטענישן.

וואָס זענען די כלים פון דער אידעע און פון דעם גייסט? אויף דער פראַגע ענטפערט מאָדערנע פילאָזאָפיע, אַז די כלים פון אידעע און גייסט, זענען בעיקר מעטאָדאָלאָגיש. דאָס מיינט אַז יעדע דערקענטניש פון אַ מענטש; יעדע באַוווסטזיניקייט וועגן אַ דרויסנדיקע דערשיינונג, שטאַמט בעיקר פון דער מעטאָדע מיט וועלכער מען איז צוגעגאַנגען און מיט וועלכער מען האָט זיך באַדינט ביים באַשליסן פון אַ געוויסער באַשטימונג.

איך וויל דעם ענין אביסל דייט־לעכער געבן צו פארשטיין. מען נעמט היינט אן, אז זאכן עקזיס־טירן נישט, נאר דער מענטש מיט זיין גייסט און מיט זיין אידעע, ער שאפט די עקזיסטענץ פון אלע זאכן.

דער מענטש באדינט זיך אין זיין גייסטיקער און אידעאלער אקטיווי־טעט מיט פארשידענע מעטאדן. די מעטאדן זענען די כלים מיט וועל־כע דער מענטש ארבעט ביים בא־שטימען די עקזיסטענצן וואס געפי־נען זיך אין דרויסן.

יעדע מעטאדע פירט צו דערקענט־ניש, און יעדע דערקענטניש שאפט אדער ענדערט די עקזיסטענץ פון דער דערקענטער זאך. עס איז דער־פאר נישט ריכטיק צו באהויפטן, אז איין מעטאדע איז מער אמת פון א צווייטער, אדער אז איינע איז מער פאלש פון א צווייטער. וואס איז דא שייך צו אפערירן מיט באגריפן פון אמת אדער פאלש? יעדע מעטאדע ברענגט ארויס (אויף איר שטיי־גער), א געוויסע דערקענטניש, און יעדע ארויסגעבראכטע דערקענטניש האט זיך איר עקזיסטענץ. אט איז דער פיזישער ארבעטער. ער שאפט א געוויסן פראדוקט. אין זיין שע־פערישקייט האט ער זיך געקענט באדינען מיט פארשידענע כלים. איינער, מיט א האק; א צווייטער, מיט א האמער; א דריטער מיט א זעג, — און א זאך איז געבוירן געווארן אדער איז געענדערט געווא־רען. מיר וועלן נישט זיין אזוי נא־ריש אפצולייקענען די עקזיסטענץ פון דער זאך, ווייל דער ארבעטער האט זיך באדינט מיט א כלי וואס אונז געפעלט זי נים. אזוי איז אויך ביי די אידעאליסטן. איינער בא־דינט זיך מיט איין מעטאדע; דער צווייטער, מיט אן אנדערער. דער עיקר: זיי ברענגען ארויס באשטי־מונגען און די באשטימונגען שאפן עקזיסטענצן, נישט רעכענענדיק זיך בכלל צי די מעטאדע געפעלט יא, אדער געפעלט נישט.

איך קען איצט צוטרעטן אויפצו־קלערן די פארשידענע מעטאדן פון דער מענטשלעכער דערקענטניש. זיי זענען: 1) שפראך. 2) מיטאס. 3) רעליגיע. 4) קונסט. 5) וויסן. 6) אינטואיציע. יעדער פון די באגריפן איז א מין געצייג, דורך וועלכן דער מענטש קען זיך דערקלערן דערשיינונגען. 1) שפראך מיינט: דאס ווארט. מען זעט עפעס. מען קלערט אריין אין עפעס און מען באצייכנט עס. מען גיט אים א נא־מען. דאס איז עס וואס דער נאמען באדייט. מארגן קען מען דערזעלבי־קער זאך געבן אן אנדערן נאמען. דאן איז די זאך אליין טאקע נישט מער דאס וואס נעכטן. דער נייער נאמען האט געענדערט די זאך גופא. זי האט באקומען אן אנדערע עקזיסטענץ.

פאר אונז יידן איז דאס גאר קיין נייעס נישט. אט דערציילט די תו־רה, אז אדם הראשון האט אלע דער־שיינונגען אנגערופן מיט נעמען,

און „דאס וואס ער האט באשטימט, מיט דעם נאמען, דאס איז עס טאקע געווען" (בראשית ב׳ י׳ט). אויך אונזערע חכמים, — אין דער גמרא — האלטן, אז די ענדערונג פון א נאמען ברענגט מיט זיך די ענדערונג פון דער זאך גופא. אויב א מענטש איז קראנק, זאל מען ענדערן זיין נאמען, וועט ער אליין אויך ווערן אן אנדערער. אן אלט יידיש שפריכווארט לויטעט: ויקרא שמו בישראל, און פארטיק. דער נאמען איז אלץ.

2) דער מיטאס. אין אלטערטום האבן מענטשן זיך דערקלערט כמעט אלע נאטור־דערשיינונגען מיט דער מעטאדע פון מיטאלאגיע. זיי האבן געהאלטן, אז פאראן געוויסע, נישט דערקענטבארע כוחות (זיי האבן די כוחות אנגערופן געטער; אזוי דערקלערט אויך דער רמב"ם, מו׳נ ח׳א פל׳ו), וועלכע שאפן, אדער ענדערן די דערשיינונגען. זייערע באשטימונגען פון מיטאלאגישן כאראקטער, האבן אין זיך געהאט דיזעלביקע עקזיסטענצן, ווי למשל, די באשטימונג אין דער היינטיקער, מאדערנער וויסנשאפט: דער אטאם; דער עטער, וכדומה. עס איז דערפאר נישט אמת, אז מענטשן האבן געמאכט פארשריט און זיך אנטוויקעלט און דערגרייכט די הויכע מדרגה פון וויסנשאפט. ניין! די היינטיקע מאדערנע מעטאדע פון וויסנשאפט איז נישט מער מיוחד פון דער מיטאלאגיע פון אמאל. אויך די היינטיקע וויסנשאפטלעכע מעטאדע דערקלערט די דערשיינונגען בלויז סימבאליש. זי שאפט די עקזיסטענצן פון די דערשיינונגען, פונקט ווי אמאל האט דאס געטאן מיטאלאגיע. עס איז פאראן בלויז איין חילוק: אין די אלטע צייטן פון מיטאלאגיע האבן מענטשן זיך נישט אפגעגעבן קיין חשבון פון זייער אקטיוויטעט. זיי האבן דעמאלט געגלויבט אין אביעקטיווע עקזיסטענצן, פון דערשיינונגען; פונקט ווי זיי האבן געגלויבט אין אביעקטיווע עקזיסטענצן פון די מיטאלאגישע כוחות, וועלכע שאפן די דערשיינונגען. היינט דאקעגן, ווייסט וויסנשאפט, אז אלע אירע דערקלערונגען זענען ריינע סימבאלן, וועלכע האבן אביעקטיוו קיין ברעקל ממשות נישט. אלע ממשותן זענען סוביעקטיווע שאפונגען פון דער מענטשלעכער דערקענטניש.

די באוווסטזיניקייט אז מען האט מיט אביעקטיוויטעט גארנישט צו טאן, האט קיין שום רעכט נישט אוועקצושטעלן וויסנשאפט העכער פון מיטאלאגיע.

3) רעליגיע. אין שפעטערע צייטן, האט רעליגיע געדינט אלס מעטאדע פאר אויפקלערונג פון אלע דערשיינונגען וואס קומען פאר. לויט מאדערנער אויפפאסונג האט רעליגיעזע מעטאדע געשאפן א סך פעסטערע באשטימונגען וועגן דערשיינונגען, איידער אנדערע מעטאדן, מיט וועלכע מענטשן האבן זיך באדינט.

כאָטש אַ סך מאָל דאַכט זיך, אַז די אויפקלערונגען פון רעליגיע זענען נישט לאָגיש און נישט שכלדיק, מיינערט דאָס בכלל נישט דעם ווערט פון דער רעליגיעזער מעטאָדע פון באַשטימונג. דער רעליגיעזער מעטאָד שאַפט פאַר דערשיינונגען אַ סך שטאַרקערע עקזיסטענצן, איידער אַלע אַנדערע מעטאָדן. נישט איינמאָל קומט אַ־ים דעם מענטש צו באַגעגענען דערשיינונגען וועלכע זענען בשום אופן פאַר אים נישט אַנגעמבאַר. מיט קיין שום מעטאָד קען ער זיי נישט דערקלערן און באַשטימען. ער האָט דעמאָלט בלויז איין איינציקן מעטאָד, און דאָס איז דער רעליגיעזער (דזשיימס און האַנס ווייהינגער).

עס פאַרשטייט זיך, אַז אויך קונסט 4), איז אַ מעטאָדע מיט וועלכער מען דערקלערט זיך די דערשיינונגען. דער קינסטלער שאַפט עקזיסטענצן, מיט זיין קינסטלערישן מעטאָד. אַנדערע טוען דאָס זעלביקע מיט זייערע אינטואיציעס אא״וו.

איך וויל איצט קומען צו אַ סך־הכל. היינט לעבן מיר אין אַ צייט, אין וועלכער דער וויסנשאַפטלעכער מעטאָד הערשט אין דער וועלט. דאָס גאַנצע געשטאַלט, פון אַלע דערשיינונגען, איז אַ קאָנסעקווענץ פון וויסענשאַפטלעכן צוגאַנג. פּאָליטישע, עקאָנאָמישע, קולטורעלע פאָרמען, אַלע שטאַמען פון וויסנשאַפטלעכער מעטאָדע. דאָס גאַנצע לעבן איז באַאיינפלוסט פון דעם וויסנשאַפטלעכן צײַט דענקען. פונקט ווי אַמאָל איז עס געווען דער מיטאָס, אָדער די רעליגיע. דאָס היינטיקע וווינען, עסן, קליידן, דער מסחר, די אינדוסטריע, דאָס בויען, דאָס רייזן, דאָס געלט שפּאָרן; אַלץ איז באַפאַרבט מיט דער פאַרב פון וויסנשאַפט. מאָדערנע, טיפע דענקער, הויבן זיך אָן אַרויסצוזאָגן, אַז וויסנשאַפטלעכער מעטאָד פון שאַפן עקזיסטענצן, איז אפשר גאָר דער שעדלעכסטער פון אַלע אַנדערע מעטאָדן מיט וועלכע דער מענטש קען זיך באַדינען. אין אַנדערע ווערטער הייסט עס, אַז די העגעמאָניע פון וויסנשאַפטלעכן אויסטייטש בנוגע צו וועלט און מענטש, טראָגט אין זיך אַ געפאַר, מיט וועלכער מען דאַרף זיך רעכענען.

די צוויי גרויסע וועלט־מלחמות, אין אַזאַ קורצער צייט; די הונדערטער מיליאָנען פון הרוגים און חורבנות וועלכע זענען פאָרגעקומען אין אַזאַ קורצן צייט־אָפּשניט, זענען אַ דירעקטער פּועל־יוצא פון וויסנשאַפטלעכן מעטאָד וואָס הערשט היינט. מיטאָלאָגיע, רעליגיע, אָדער קונסט, וואָלטן קיינמאָל נישט געקענט דערפירן צו אַזעלכע מוראדיקע קריזיסן אין לעבן, ווי דאָס האָט געטאָן דער וויסנשאַפטלעכער מעטאָד פון אונזער צייט. די היינטיקע וויסנשאַפט מאָביליזירט די מענטשן פון ווייסן אין לאַבאָראַטאָריעס און ווערקשטאַטן, און שפּאַנט זיי איין צו שאַפן זאַכן מיט וועלכע מען זאָל קענען וואָס שנעלער און וואָס זי־

בערער פאניכטן איינער דעם צווייטען.

פון א צווייטער זייט קומען פכיבאלאגן און פרעגן: צי איז דער מענטש גליקלעכער געווארן פון די וויסנשאפטלעכע לאבאראטאריעס און ווערקשטאטן? די מאס פון יעדן אויפטו וואס מענטשן שאפן און דערקענען, מוז זיין נאר איינע, און דאס איז: וויפל גליק אדער אומגליק ער ברענגט אין לעבן. ווען מען זאל אויף איין וואגשאל ארויפלייגן די גליקן וואס וויסנשאפט האט געגעבן פאר דעם מענטשלעכן לעבן, און אויף דער צווייטער וואגשאל די אומגליקן, די מחנות הרוגים און פארניכטונגען, דאן וועט זיכער די צווייטע וואגשאל א כך מער איבערוועגן.

פון נאך אן אנדערער זייט, און דאס איז פון דער עטישער און מאראלישער זייט, האט וויסנשאפט זיכער קיין שום טובה דער מענטשהייט נישט געבראכט. יושר, אנשטענדיקייט און מאראל, גייען נאגמרי נישט געפארט מיט וויסן. וויסנשאפטלעך מעג מען אפטאן אלע שענדלעכסטע מעשים, וועלכע זענען באגרינדעט מיט דעם וויסנשאפטלעכן אינסטינקט. וויסנשאפטלעך איז מאכט א כוח, שפעקולאציע א כוח, און באהערשן יענעם אויך א כוח.